STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01796

RASHEL

Yehezkel Kornhendler

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל קאָרנהענדלער

ראשעל

מײַן ליבן פֿרײַנד
שמואל האָלצמאַן און זײַן ליבער פֿרוי סוניא.
[illegible] חיים קאָרנהענדלער

CH. KORENCHANDLER

RACHEL

PARIS 1958

יחזקאל קאָרנהענדלער

ראַשעל

פאַרלאַג «יידיש» פאַריז

תשי״ט — 1958

„ראַשעל" פון יחזקאל קאָרנהענדלער. פאַרלאַג „יידיש", פאַריז
1958. אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון „פאָנד סאָסיאַל
איניפיע" אין פראַנקרייך.

הילע: אייל־בילד פון עדואַר דיביף

אַדרעס פון אַרויסגעבער: Ch. KORENCHANDLER
4, Cité Popincourt, Paris-XIe

Copyright by Ch. KORENCHANDLER. Paris, 1958.

אין חודש יאַנואַר 1958 איז געוואָרן הונדערט יאָר, אז עס איז געשטאָרבן די בינע־קינסטלערן ראַשעל, וואָס האָט מיט איר שפּילן אויפגעטרייסלט פּאַריז, דאָס גאַנצע לאַנד און וואָס איר רום האָט זיך אַריבערגעטראָגן ווייט ווייט איבער די גרענעצן פון פראַנקרייך.

דאָס באַוויזן זיך פון איר טאַלאַנט, איז באַטראַכט געוואָרן דורך די מענטשן פון איר צייט, ווי א ביז דע־מאָלט נישט געזעענעם פענאָמען, אַזוי, אז געשטאָרבן אין יאָר 1858 אין דער עלטער פון נאָר 37 יאָר, האָט ראַשעל איבערגעלאָזט נאָך זיך אזא רייכע ליטעראַטור פון אירע צייט־מענטשן, אז איר לעבן און איר קונסט באַשעפטיקן די וועלט ביז היינט צו טאָג.

דער דאָזיקער קינסטלערן וועלן מיר ווידמען די נאָכקומענדיקע שורות, וואָס וועלן אויך דערציילן וועגן איר צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק, ווי אויך וועגן גאַסן אין פּאַריז, וואָס האָבן ביז היינט צו טאָג איינ־געהיט ערטער וואָס האָבן א סך צו דערציילן וועגן איר גורל, אָנהויבנדיק פון דער דראַמאַטישער שול אין וועל־כער זי האָט באַקומען אירע ערשטע לעקציעס וועגן דער סצענישער מיסטעריע, וועגן טעאַטערן, געביידעס וואָס געדענקען דאָס שטורעמדיקע אַפּלאָדירן פון באַ־גייסטערטן פּובליקום ; וווינונגען ווי זי האָט געלעבט און געליטן, ביז איר קבר אויף דעם בית עולם פּער לאַ שעז.

I.

ס'איז שווער אָדער אפשר אינגאנצן נישט מעגלעך אָנצוגעבן דאָס יאָר פון איר געבוירן ווערן; אין אייניקע ענציקלאָפּעדיעס, דערונטער אויך אין פראַנצויזישן „לאַרוס פוז 20־טן י. ה." און אין יידישן לעקסיקאָן (פון הערליץ און קירשנער, אין דייטש) ווערט אָנגעגעבן דאָס יאָר 1820, בעת אין אַ גאַנצער ריי וואָגיקע ווערק געווידמעט ראשעלן, ווערט דאָס יאָר פון איר געבוירן ווערן, אָנגעגעבן אלס 1821.

אויב עס איז פאַראַן אַ מיינונגס־פאַרשידנהייט וועגן יאָר פון איר קומען אויף דער וועלט, זענען אָבער אַלע אירע ביאָגראפן מסכים אז זי איז געבוירן געוואָרן ביי זייער אָרעמע עלטערן; דאָס זענען געווען הענד־לער וואָס האָבן געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, פון מארק צו מארק, שטופנדיק אַ וועגעלע אין וועלכן עס האָט זיך געפינען זייער גאנץ „פאַרמעגן" און אויך זייער קינד, אַ מיידעלע שרה. געפינענדיק זיך צופעליק אין שווייצאַ־רישן שטעטל מומפ, וווהין זיי זענען געקומען אַן אָוונט פריער, האָט ראשעלס מוטער דערפילט אז עס איז גע־קומען דער דעצידירנדיקער מאָמענט; מען האָט איר גע־מוזט אריינכאַפּן אין אַן אכסניה, וואָס האָט געטראָגן דעם שיינעם נאָמען „די זון" און ווען שוועל קיין יידן האָבן נישט געטאָרט איבערטרעטן און דאָרט, האָט די אָרעמע הענדלערן געבוירן איר צווייט קינד, ווידער־

אַמאָל אַ מיידעלע. דאָס דאָזיקע קינד, געבוירן הינטער־וועגס, וואָס מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן עליזע־ראשעל האָט סך הכל אין צוויי צענדליק יאָר ארום, אויפגע־רודערט די וועלט און אריין אין דער געשיכטע אלס „די גרויסע ראשעל".

דער פאַמיליע־נאָמען פון דער וואַנדערנדיקער משפחה איז געווען פעליקס; דער פאָטער יעקב איז געווען אַ ייד פון מעץ און די מוטער אסתר־חיה האָט געשטאַמט פון בעהמען 1). נאָך דעם ווי עס איז ביי זיי געבוירן גע־וואָרן אַ דריט קינד, אַ זון רפאל, רייסט איבער די פאַ־מיליע פעליקס מיטן וואַנדערן און באַזעצט זיך אין ליאָן.

אויב עס האָט זיך געענדיקט מיטן ציגיינער־לעבן, מיטן וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, פון נישט טאָגן ווו גענעכטיקט, האָט זיך אָבער נישט געענדיקט מיט זייער נויט וואָס איז כסדר געווען גרויס; מען האָט געטאָן וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען אויף צו קענען ווי עס איז אויסקומען. מען האָט געהאַנדלט מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט; דער עיקר מיט קויפן און פארקויפן אַלטע קליידער. יעקב פעליקס האָט אויך פארקויפט ברילן און פּרובירט צו פארדינען דורך געבן לעקציעס פון דייטש...

יאָ, יעקב פעליקס און זיין פרוי, האָבן געהאַט זייער אַ שווער לעבן, וואָרם אין ליאָן האָט זיך די משפחה פארגרעסערט מיט נאָך צוויי קינדער, די טעכטער רבקה

1) לויט געוויסע באַהויפּטונגען, זאָל זי האָבן געשטאַמט פון עלזאַס. אָבער עס איז נישט ריכטיק.

און לאה; עס האָבן זיך פאַרגרעסערט די צאָל מײַלער, נאָר נישט די פּרנסה.

ווען ראַשעל דערגרייכט די עלטער פון 9־10 יאָר, מוז זי אָנהויבן העלפן אין דער פּרנסה; צוזאַמען מיט איר עלטערער שוועסטער שׂרה, גייען זיי איבער די גאַסן פון ליאָן, שטעלן זיך אָפּ פאַר די טעראַסן פון די קאַפעען, פאַרהאַלטן זיך ביי די ראָגעס, און זוכן צו פאַרדינען ראַשעל דורך זינגען פאַרשידענע דאָן מאָדישע לידער און איר שוועסטער שׂרה, אחוץ זינגען, באַגלייט אויף אַ מאַנדאָלינע און זוכט גלייכצייטיק אויך צו פאַרקויפן שטיקלעך טואַלעט־זייף, וואָס זי טראָגט אין אַ קעסטעלע, אָנגעהאָנגען אויף אַ שטריקל אַרום איר האַלדז. טיילמאָל גייען זיי אויך אַרום פאַרקויפן פּאָמעראַנצן; דער פאָטער זייערער איז זייער אַ שווערער מענטש און אפשר איז ער אַזוי שווער, ווייל עס איז נישטאָ קיין פּרנסה; ער באַ־שטימט יעדן טאָג די הויך פון דער סומע געלט, וואָס ביידע יונגע מיידלעך מוזן אַ היימברענגען און אַז עס פעלט צו דער „נאָרמע", זשאַלעוועט ער נישט קיין קלעפּ און זיי ציטערן אַהיימצוקומען; זוימען זיך אַ סך מאָל, צוליב די מורא פאַר דעם וואָס וואַרט אויף זיי... מצד זייער שטרענגן טאַטן.

אין יאָר 1831 פאַרלאָזט די פאַמיליע פעליקס ליאָן און לאָזט זיך אין וועג אַריין... קיין פּאַריז.

אין יענע טעג, איז נאָך נישט געווען קיין באַן; מען פלעגט פאָרן מיטן דיליזשאַנס; אַזאַ שטרעקע האָט גע־נומען אַ שיינע פּאָר טעג און געקאָסט אַ סך געלט. רע־אַליזירן אַזאַ רייזע איז נישט געווען פאַר דער קעשענע פון דער אָרעמער פאַמיליע וואָס האָט דעמאָלט געציילט

זיבן נפשות און מען האָט אָנגעהויבן רעאַליזירן דעם וועג צו... פּיס! מען האָט געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, פון שטאָט צו שטאָט און אומעטום זיך אָפּגעשטעלט, געזוכט עפּעס צו עסן, ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן און ראַשעל און שרה האָבן כסדר געזינגען אויף די גאַסן און מערק און געקוקט די צוהערער אין די הענט אַריין, ביז מען האָט זיך ענדלעך דערשלעפּט קיין פּאַריז און דאָ זיך באַזעצט אין אַן אַלט געסל, נאָענט פון דער נאָטער־דאַם און דערנאָך, אויפן פּלעצל; אין דער קליינער און אַלטער רי מאָווע גאַרסאָן.

אַ ריזיקע שטאָט. גרעסערע פּרנסה אויסזיכטן... און אויך דאָ גייעןביידע מיידלעך איבער די גאַסן, מיט זייערע לידער, ראַשעל זינגט און שרה אַקאָמפּאַנירט אויף דער מאַנדאָלינע און כסדר באַגלייט זיי די שרעק פאַרן טאַטנס קלעפּ.

איינמאָל אָוונט, שוין גאַנץ שפּעטלעך, ווען ראַשעל האָט מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים געזונגען פאַרן פאַרבייגייענדיקן עולם אויף דעם פּאַריזער פּלאַץ דע וואָזש און איר שוועסטער האָט ווי געוועגלעך אַקאָמפּאַנירט אויף דער מאַנדאָלינע, האָט אַ פאַרבייגייער אַריינגעוואָרפן אין זייער זאַמל־פּושקע אַ זילבערנע מטבע פון פינף פראַנק, אַ גאַנצן אוצר און מיטן געלט האָט ער אויך צוגעוואָרפן אַ ביכל פּערזן.

דער אַריינוואַרפער פון דער גרויסער מטבע, איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי וויקטאָר הוגאָ, וואָס האָט געוווינט אויף דעם זעלבן פּלאַץ און איז זייער גערירט געוואָרן פון ראַשעלס מערקווירדיקער שטים.

יאָ, ראשעלס שטים האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די צוהערער און געשעען איז עס צוליב אַ סיבה, וואָס עס איז גאָרנישט אַזוי פשוט צו דערקלערן; איר געזאַנג האָט אָפגעגעבן מיט אַ מערקווירדיקער אייגנאַרטיקייט וואָס האָט געצווינגען די פאַרבייגייער זיך אָפצושטעלן.

דאָס דאָזיקע געפיל וואָס האָט באַוויגן וויקטאָר הוגאָ אַריינצוואַרפן אין זייער זאַמל־פושקע אַזאַ גרויסע מטבע, האָט אויך אָפגעפילט צו דער זינגענדיקער ראַשעל דער פאַרבייגייענדיקער דירעקטאָר פון אַ קריסטלעך־רעליגיעזן מוזיקאַלישן אינסטיטוט, מיסיע שאָראָן, וואָס איז געווען איבעראַשט פון דער שטים, וועלכע ער האָט דערהערט ביי דער דאָזיקער גאַסן־זינגערן.

דאָס איז געווען אַ דעציִדירנדיקער מאָמענט אין ראַשעלס לעבן, ווארם ער האָט איר שוין מער נישט אָפגעלאָזט; זיך פאַראינטערעסירט מיט איר נענטער און געפועלט ביי איר פאָטער, אים צו געבן די טאָכטער אלס שילערן פון זיין מוזיק־אינסטיטוט, צוזאָגנדיק דעם אָרעמען טאַטן אַ סך נחת.

כ'בין אָבער נישט זייער זיכער צו עס איז אמת די געשיכטע אז דער מוזיק־דירעקטאָר שאראן, זאָל האָבן געהערט זינגען ראשעלן אויף דער גאס, כאָטש דער פאקט ווערט אין זייער פיל ערטער דערמאָנט; אויב איך צווייפל אין דעם, איז עס דערפאר וואָס איר ערשטער דירעקטאָר פון דער פראַנצויזישער קאָמעדיע, וועדעל, וואָס האָט איר באַקאָנט בעת זי איז אין גאַנצן אַלט געווען דרייצן יאָר, זיך מיט איר אינטערעסירט, פאר איר פיל געטאָן, געקאָנט איר געשיכטע און האָט אויך גע־



ראַשעל אין יאָר 1844

PHOTO B. N.

שריבן וועגן איר ביז גאָר אינטערעסאַנטע ביאָגראַפישע נאָטיצן, דערמאָנט וועגן דעם אינגאַנצן נישט; פאַרקערט, ער גיט אָן אז דאָס האָבן ראַשעלס עלטערן געברענגט דאָס מיידעלע עליזע־ראַשעל צו אים אין זיין שול.

שאראן האָט זיך ערנסט אָפּגעגעבן מיט ראשעלן; איר אָנגעהויבן לערנען אַ חוץ זינגען, אויך אַלץ וואָס מיר רופן געווענלעך אָן מיטן נאָמען, דערציאונג, וואָרם זי איז געווען אַן אמת קינד פון דער גאַס; מען האָט געדאַרפן אָנהויבן פון סאַמע עלעמענטאַרסטן, אַפּילו פון לערנען איר אַביסל שרייבן....

דאָס גרויסע פאַרדינסט פון דירעקטאָר שאַראַן איז אָבער געלעגן אין דעם, וואָס נאָך אייניקע חדשים לערנען מיט דער נייער שילערן, האָט ער אַלץ מער אָנגעהויבן איינזען, אַז איר מערקווירדיקע שטים איז נישט אַזוי באַשאַפן צום זינגען ווי צו דעקלאַמירן און ער האָט אַריינגעגעבן ראַשעלן אין אַ דראַמאַטישער שול.

דאָס איז געווען אין יאָר 1834 און ראַשעל איז נאָך דעמאָלט נישט אַלט געווען קיין דרייצן יאָר. צוויי יאָר האָט זי געלערנט אין דער שול אונטער דער זייער אָריגינעלער אָנפירונג פון אַ געוועזענעם אַקטיאָר סען אַלער און געמוזט שווער אַרבעטן כדי זיך דורכצורייסן.

זעקס אין דער פרי שטייט זי שוין אויף אירע פיס. בעט צו אַלע בעטן; העלפט דער מאַמען אין אַלע שטוב־אַרבעטן; דערנאָך לויפט זי מיטן קוישל אין די האַלעס און זוכט מיט די מאָגערע גראָשנס איינצוקויפן וואָס ביליקער אויף מיטאָג און אָוונט־ברויט און דערנאָך ערשט, לויפט זי אין דער שול לערנען שפּילן טעאַטער.

אַ גאַנצע וואָך האָבן די שילער דאָרט געלערנט לייע־

נען און שרייבן, דעקלאַמירן, רעציטירן און דאָס איינ־שטעלן פון אַ פּיעסע און זונטיק נאָך מיטאָג, האָט מען געשפּילט פאַר אַ פּובליקום, ווען די שילער און זייערע פאַמיליעס פלעגן פריער פאַרקויפן בילעטן צו זייער בי־ליקע פּרייזן. ווער פון די שילער עס וועט זיך באַטייליקן אין ספּעקטאַקל, האָט דער דירעקטאָר באַשטימט ערשט סוף וואָך און דאָס זענען געווען די, וואָס האָבן זיך אַמבעסטן געלערנט, אַזוי אַז דאָס שפּילן איז געווען אַ באַלוינונג פאַר גוט לערנען זיך.

צוויי יאָר האָט ראַשעל געלערנט אין דער דראַמאַטי־שער שול און פאַר דער צייט אויפגעטרעטן פיר און דרייסיק מאָל.

דאָס דאָזיקע אָרט איז איינגעהיט געוואָרן ביז היינט צו טאָג און געפינט זיך אויף דער אַלטער, מיט נסים נאָך עקזיסטירענדיקער רי קאַנקאַמפּואַ נ. 82.

אין יאָר 1791, אין די טעג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט זיך דאָ אויפגעעפנט אַ קליין אָבער זייער פיין איינגעאָרדנט טעאַטערל, וואָס האָט געהייסן „טעאַטער מאָליער". אין יאָר 1806 אונטער נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן ווערן אַלע קליינע טעאַטערן געשלאָסן און ממילא אויך דאָס „טעאַטער מאָליער". אין יענעם זאַל עפנט אויף סען אָלער, אַ פינף און צוואַנציק יאָר שפּע־טער זיין דראַמאַטישע שול אין וועלכער עס לערנט ראַשעל.

אין די פּאַריזער טעאַטער־קרייזן איז די שול, צוליב אירע זונטיקדיקע ספּעקטאַקלען אויך אָנגערופן געוואָרן „טעאַטער מאָליער" אָדער „סאַל מאָליער".

דער לאָקאַל מאַכט דורך פאַרשידענע גילגולים און היינט צו טאָג איז ער פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַפּיר־לאַגער... דאָס אָרט ווו עס האָט זיך אַמאָל געפינען די סצענע איז היינט דער הויפּט־אַריינגאַנג און דינט אויך אַלס גאַראַזש פאַר אַ גרויסן לאַסט־אויטאָ!

פונדעסטוועגן, אַז מען קומט אַריין אינעם גרויסן לאַ־גער, דערזעט מען גלייך די פאַרבליבענע קאָלאָנעס (זיילן); אַרום איז קאָנסערווירט געוואָרן די גאַלעריע און די פריינדלעכע בעלי בתים ווייזן אייך די געפּי־נענע אויפשריפטן אויף די ווענט, געפינען בעתן ריין מאַכן דעם לאָקאַל, ווו מען לייענט די אָנווייזונג „קאָנט־ראָל", „גאַרדעראָבע" א. א. אויפשריפטן וואָס זענען דערהאַלטן געוואָרן ביז היינט צו טאָג.

קיין שום אויפשריפט אויף דער מויער דערמאָנט נישט די דורכגייער, אַז דאָס הויז נ. 82 אויף דער אַלטער רי קאַנקאַמפּוא, באַהאַלט אין זיך דאָס איבערבלייבעניש פון אַ טעאַטער וואָס האָט דאָ עקזיסטירט מיט הונדערט און זיבעציק יאָר צוריק און אַז דאָ האָט זיך געפינען די דראַמאַטישע שול פון וואַנען עס איז אַרויסגעקומען דער פענאָמען ראַשעל 1).

דאָרט אין יענער שול, הויבט ראַשעל אָן זיך צו באַ־קענען מיט טעאַטער־ליטעראַטור און ספּעציעל מיט די ווערק פון די צוויי גרויסע שרייבער, די קלאַסיקער קאָרנעל און ראַסין, וואָס זייער טעאַטער־שטערן האָט

---

1) דאָס הויז פון דער רי קאַנקאַמפּוא נ. 82 בילדעט אַן אַדורכגאַנג צו דער רי סען מאַרטאַן נ. 159 און הייסט פּאַסאַזש מאָליער; מעגלעך אַז דאָס איז צום אָנדענק פון אַמאָליקן טעאַטער, אָדער דאָס טעאַטער האָט זיך אַזוי גערופן צוליבן נאָמען פון פּאַסאַזש.

שטאַרק אַראָפּגענידערט און וועמענס פּיעסן מען האָט דאַן געשפּילט ביי כמעט לייַדיקע טעאַטער־זאַלן ; כמעט אַן אַנאַלפאַבעט וואָס האָט נישט קיין שום אַנונג אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, הויבט זי זיך אָן צורירן צו אירע שענסטע פּערל ; זי פאַרמאָגט שוין אייגענע קאָמפּלעטן פון די צוויי אויסגערעכנטע שרייבער און וויל אויך האָבן די ווערק פון דריטן, דעם מחבר פון דער קלאַסישער קאָמעדיע, מאָליער'ן און כדי דאָס צו דערגרייכן, באַגנבעט זי איר היים.

בעתן איינקויפן לעבנסמיטל, אַז זי האָט אויסגעגעבן פיר סו, האָט זי גערעכנט פינף און אַז זי האָט אויסגעגעבן צען, האָט זי גערעכנט צוועלף סו און אין פאַרלויף פון איין חודש, האָט זי אַזוי אַרום „אָפּגעשפּאָרט" גאַנצע דריי פראַנק, פאַר וועלכע זי האָט זיך איינגעשאַפט אַלע ווערק פון מאָליערן און דערנאָך זיך מודה געווען אין דער גנבה. ווען דעם האָט זי שפּעטער, אין דער קעגנוואַרט פון איר מוטער, זיך אויך מודה געווען פאַר דעם דיכטער אַלפרעד דע מיסע, וואָס דערציילט עס אין אַ זייער רירנדיקער פאָרם און וואָס איז באַקאַנט א.נ. „אַ מאָלצייט ביי ראַשעלן".

אין די ערשטע דריי יאָר פון ראַשעלס אַרטיסטישער קאַריערע, האָט די פאַמיליע פעליקס געוווינט זייער נאָענט ביי דער פראַנצויזישער קאָמעדיע, אין דעם פּאַסאַזש וואָס איז באַקאַנט א.נ. „גאַלערי ווערא דאָדאַ" נ. 38 דאָס דאָזיקע הויז עקזיסטירט ביז היינט צו טאָג און פאָרמירט אויך דעם נ. 2 פון דער רי בולואַר, אין דער דאָזיקער וווינונג, וואָס נעמט אַרום די פענסטער פון



פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער

דאָס טעאַטער „מאָליער" אין דער רי קאנקאנפּוא
נ. 82 היינט צו טאָג.

דריטן שטאָק, איז פאָרגעקומען די „מאָלצייט ביי ראַ־
שעלן" ; אָבער וועגן דעם ווערק וועט אונז נאָך אויס־
קומען צו רעדן.

נאָך צוויי יאָר לערנען אין דער דראַמאַטישער שול
פון סען אָלער, גייט זי אַריבער אין דער קאָנסערוואַ־
טאָריע, אָבער נאָך אייניקע חדשים נעמט איר דער פאַ־
טער צו ; אים געלונגט אריינצוגעבן זיין טאָכטער אין
אין טעאַטער „זשימנאַז", ווו זי ווערט אַנגאַזשירט מיט
גאָרנישט קיין שלעכטן געהאַלט און טרעט דאָרט אויף,
צום ערשטן מאָל אַלס פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע, דעם
4־טן אַפּריל 1837 ; זי איז דעמאָלט אַלט זעכצן יאָר.

איך האָב שוין דערמאָנט וועגן דער שטרענגקייט פון
ראַשעלס פאָטער וואָס פלעגט זיך נישט אָפּהאַלטן אפילו
פון געבן קלעפּ זיינע קינדער ; ער האָט אַליין דעצי־
דירט וועגן אָפּנעמען איר פון דער קאָנסערוואַטאָריע,
נישט רעכענדיק זיך מיט איר ווילן. ראַשעל איז געווען
מינדיעריק און דער פאָטער איז געווען דער פולשטענדי־
קער בעל בית איבער איר ; די דאָזיקע הערשאַפט און
שטרענגקייט האָט אָנגעהאַלטן לאַנג און איר פארשאפט
אַ סך עגמת נפש און פארביטערונג. אַ געוויסע צייט,
האָט זי אַפילו געזוכט חתונה צו האָבן, כדי כאָטש אויף
אַזאַ אופן פטור ווערן פון טאַטנס דעספּאָטיזם.

אין שייכות מיטן דעביוט אירן, האָט מען געדאָרפן
דעצידירן מכוח איר אַרטיסטישן נאָמען, אונטער וועלכן
די אזוי יונגע עליזע־ראַשעל פעליקס, וועט אויפטרעטן
און דאָס האָט טאַקע מיסיע פּואַרסאָן, דער דירעקטאָר
פון טעאַטער „זשימנאַז", זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם

פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער

דאָס פּאַריזער טעאַטער „זשימנאַז"

נאָמען ראשעל, אָבער אויך צו דעם ענין וועלן מיר זיך נאָך אומקערן.

די פּיעסע אין וועלכע ראשעל איז אויפגעטרעטן צום ערשטן מאָל האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג, ראשעל האָט אָבער יאָ געהאַט מזל, וואָרם זי איז דעמאָלט באַמערקט געוואָרן דורך איינעם פון די סאַמע באַדייטנדיקסטע טעאַטער־קריטיקער פון איר צייט, זשיל זשאַנאַן (אַ ייד), וועלכער שרייבט דערנאָך וועגן איר אין „זשורנאַל דע דעבאַ", אַז ער האָט אין איר געפינען :

„אַ געפיל פון ערלעכקייט אין דער קונסט. אַ סך נשמה, האַרץ, שכל און זייער ווייניק געניטקייט. בכלל נישט קיין אָנשטרענגונג, נישט קיין איבערטרייבונג ; אָן געשרייען, אָן זשעסטן, אַ גרויסע איינגעהאַלטנקייט אין אַלע באַוועגונגען פון קערפּער און געזיכט. קיין שום זאַך וואָס זאָל דערמאָנען קאָקעטעריע, פאַרקערט, עפּעס אַ שנעלקייט און דרייסטקייט, אַ ווילדקייט אַפילו אין איר זשעסט, טריט און בליק, אַזאַ איז ראשעל."

אַזוי האָט ער איר געזען אין דער ערשטער פאָרשטעלונג.

די פּיעסע איז גיך אַראָפּ פון רעפּערטואַר און ראשעל וואָס האָט זיך נאָך געדאַרפט אַ סך לערנען איז צוריקגעקומען אין דער קאָנסערוואַטאָריע צו איר פּראָפעסאָר סאַמסאָן, וואָס האָט געהאַט אַ סך פאַרדרוס, ווען איר פאָטער האָט צוליב פאַרדינסט, איר אָפּגענומען פון דער שול.

סאַמסאָן איז געווען דער בעסטער לערער פאַר דער יונגער קינסטלערן ; ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע טעאַט־

ראַלע קולטור און פּראָפעסיאָנעלע קענטעניש; ער האָט נישט געשפּאָרט קיין אָנשטרענגונג אַרײַנצופירן זײַן שי־לערן אין די בעסטע טעאַטראַלע טראַדיציעס און פיל מאָל, געבנדיק איר צו דערקלערן געוויסע ראָלעס, גע־בליבן אָן לשון, דערזעענדיק ווי געוואַלטיק גרויס עס איז איר אינטערפּרעטאַציע כּוח; אַז זי פאַרשטייט איר ראָל אַ סך בעסער און טיפער ווי ער האָט עס איר פּרובירט דערקלערן.

זיבעצן יאָר איז זי אינגאַנצן אַלט, אַז זי ווערט אַרײַנ־גענומען אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע, אויפטרעטנ־דיק דאָרט צום ערשטן מאָל, דעם 12־טן יוני 1838. אין יענע טעג פון זומער, איז עס ווי געוועגלעך, געווען שטיל אין די פּאַריזער טעאַטערן און אויך אין דער פראַנ־צויזישער קאָמעדיע. דאָס גרויסע דעצידירנדיקע פּובלי־קום איז געווען אַפּוועזנדיק; אַזוי זענען דאַן כּמעט ווי נישט געווען אין דער שטאָט די וואָרט־זאָגערס אין דער קריטיק. איר נאָמען האָט זיך באַוויזן אויף דעם אַפיש מיט דער סאַמער גרעסטער באַשיידנקייט. דער טעאַטער־דירעקטאָר ווערדעל און איר פּראָפעסאָר סאַמ־סאָן האָבן געוואָלט אויסנוצן די שטילע זומער־טעג לטובת דער אָנפאַנגערן. זי זאָל זיך צוגעוווינען צו דער סצענע פון אַזאַ באַרימט טעאַטער, נאָר וויפל האָפע־נונגען זיי האָבן נישט געלייגט אויף דער יונגער קינסט־לערן, איז זיי אָבער נישט אײַנגעפאַלן, אַז סך הכל אין אייניקע חדשים אַרום, וועט פּאַריז קאָכן מיט דעם נײַעם שטערן, וואָס וועט אָנהויבן לויכטן ממש איבער דער גאַנצער וועלט און אַז ביי דעם איצט האַלב־ליידיקן טע־אַטער, וועט מען זיך שלאָגן, כּדי צו קענען באַקומען,

פאַר יעדן פּרייז, אַ מעגלעכקייט צו זען אירע פאַר־שטעלונגען.

ווען איינער פון אירע סאַמע, ערשטע אויפטריטן ווען קיינער האָט איר נאָך נישט געקענט, שרייבט איר לערער סאַמסאָן:

„איך דערמאָן מיך די שטוינונג פון פּובליקום, איך זע די אַלע בליקן געווענדט אויף דעם מיידל; אַלע אויערן אָנגעשטרענקט בעסער צו הערן די דאָ־זיקע דיקציע וואָס האָט געשיינט צו זיין ניי און און וואָס איר אָריגינאַליטעט איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זי איז גלייכצייטיק געווען נאַטירלעך און גראַנדיעז".

נאַטירלעך און גראַנדיעז, אין די אָ ווערטער פון איר פּראָפעסאָר געפינט מען דעם גאַנצן שליסל צו באַגרייפן איר פענאָמענאַלן טאַלאַנט.

בעת ראַשעל האָט נאָך געלערנט אין דער דראַמאַטי־שער שול פון דעם שוין דערמאָנטן סען אַלער, איז דאָרט אַמאָל אַריינגעקומען אַ וויכטיקער אַדמיניסטראַטיווער טוער פון דער פראַנצויזישער קאָמעדיע, דאָס איז טאַקע געווען דער שפּעטערדיקער דירעקטאָר פון טעאַטער, מיסיע ווערעל, וואָס האָט איר דערנאָך אַנגאַזשירט צו זיך; ער זעט אַ ספּעקטאַקל פון די שילער אין וועלכן עס באַטייליקט זיך אויך ראַשעל; פון אָנהויב איז זי אים נישט געפעלן געוואָרן, נישט איר אויסזען און נישט איר שפּילן; אָבער מיטן גאַנג פון דער פאָרשטעלונג, האָט ער אָנגעהויבן גלויבן אַז מען האָט אים דאָס מיידל פאַר־טוישט, אַז דאָ געשעט עפּעס אַ מיסטיפיקאַציע; ער האָט

זיך דערזען פאר אַ באַדייטנדיקער ענטפּלעקונג און אין זיינע שפּעטערדיקע זכרונות, האָט ער געשריבן:

איר שטים איז איז געווען צאַרט, אָן דעקלאַ־מאַציע, אָן אָנשטרענגונג, פריי, נאַטירלעך און דאָך מיט דעם דערהויבענעם טאָן ווי עס פאָדערט די גרויסע דיכטונג".

אַז ווערעל האָט אויסגעדרוקט דעם דירעקטאָר סען אָלער זיין ענטציקונג איבער דער שפּיל פון זיין שילערן, איז זיך יענער מודה געווען:

„דאָס איז אַ ספּעציעלער פאַל: זי איז איינע פון די נאַטורן, וואָס גלייך ביים געבוירן ווערן, קענען זיי שוין דאָס, וואָס אַנדערע ווערן קיינמאָל נישט באַוויזן זיך אויסצולערנען. אָט אַ דאָס אַליין, האָט איר קיינער נישט אויסגעלערנט; מען האָט איר קוים געדאַרפט העלפן. זי לייענט פערזן מיטן אינסטינקט. אין זיך גופא, געפינט זי דעם זין און דעם אויסדרוק".

און טאַקע דעמאָלט האָט ווערעל פאָרגעשלאָגן, מען זאָל איר אַריינגעבן אין דער קאָנסערוואַטאָריע און ווערנדיק דערנאָך דער דירעקטאָר פון דער פראַנצויזישער קאָמעדיע, אַנגאַזשירט ער איר צו זיך אין טעאַטער אַריין.

פון טאָג צו טאָג האָט איר נאָמען זיך אַלץ מער אָנ־געהויבן באַפעסטיקן ביי די טעאַטער־באַזוכער. מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן עפּעס אַ ווונדער־קינד; אָנהויב סעפּטעמבער, דריי חדשים נאָך איר דעביוט, איז צוריק־געקומען קיין פּאַריז פון אַ רייזע איבער איטאַליען, דער שוין דערמאָנטער זשיל זשאַנאַן; מען האָט אים איבער־

געגעבן וועגן דעם ווונדער וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע ווהין ר'איז אַוועק און דער דאָזיקער שרייבער, פון צווישן די סאַמע באַדייטנ־דיקסטע קונסט־ און טעאַטער־קריטיקער פון זיין צייט, דערקענט גלייך ראַשעלן און איז אויסער זיך פון דער טראַנספאָרמאַציע פון דער אַזוי יונגער נאָך און שוין אַזוי ווייט געניאַלער קינסטלערן וועלכע ער האָט איצט דערזען פאַר זיך אויף דער בינע און דעם צענטן סעפּ־טעמבער האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן ענטוזיאַסטיש אַר־טיקל אין וועלכן ער האָט געשריבן:

> מיר פאַרמאָגן ענדלעך דאָס סאַמע שטוינענ־דיקסטע קינד וואָס די היינטיקע גענעראַציע האָט געזעען אויפגיין אין טעאַטער".

דעם פיר און צוואַנציקסטן פון זעלבן חודש, שרייבט ער אַ צווייט אַרטיקל: ער זעט אין איר חסרונות וואָס נעמען זיך פון גרויסער יונגקייט און נישט דערפאַרנ־קייט, אָבער שרייבט ער, אַז „זי איז אַ גאָלדענע שאַרף איז אַ שייד פון ליים" און ער באַצייכנט איר אַלס „פרי אויפגעגאַנגענער זשעני".

אייניקע טעג שפּעטער, דעם ערשטן נאָוועמבער 1838 באַווייזט זיך אין דער „רעווי דע דעי מאָנד" אַן אָפּהאַנד־לונג פון דיכטער אַלפרעד דע מיסע א. נ. „וועגן דער טראַגעדיע" וואָס איז אינגאַנצן געווידמעט דער ניי־אויפ־גייענדיקער קינסטלערן ראַשעל; ער הויבט אָן זיין שרייבן מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

> „עס געשעט איצט אין פראַנצויזישן טעאַטער אַ זאַך אַ נישט דערוואַרטעטע, אַ פאַרכאַפּנדיקע,

אינטערעסאַנט פאַרן פּובליקום און אינטרעסאַנט אויך אויף דער העכסטער מדרגה פאַר די וואָס פאַרנעמען זיך מיט קונסט. נאָך דעם ווי די טראַגעדיעס פון קאָרנעל און ראַסין, זענען אין פאַרלויף פון 10 יאָר געווען פולשטענדיק פאַר־וואָרפן, האָבן זיי זיך אויף דאָס ניי באַוויזן און נעמען אויס. קיינמאָל, אפילו אין די שענסטע טעג פון טאַלמאַ, איז דאָס פּובליקום נישט געווען אַזוי צאָלרייך. פון אויבן ביז צו די פּלעצער פון אָרקעס־טער, אַלץ איז פאַרכאַפּט. דאָס טעאַטער ברענגט איצט אַריין פינף טויזנט פראַנק מיט פּיעסן וואָס פלעגן ברענגען פינף הונדערט. מען הערט זיך צו מיט רעליגיעזיטעט, מען אַפּלאָדירט מיט ענטו־זיאַזם, מען וויינט". (1

עס זענען נאָכגעקומען אַ סך באַגייסטערטע אַרטיקלען וועגן איר שפּילן און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרוי־סער באַרג אַרויף; נעכטן האָט איר נאָך קיינער נישט געקענט, פון איר נישט געוווסט און אין קורצע נאָך וואָכן איז זי געוואָרן דער אידאָל פון פּאַריזער פּו־בליקום.

נאָך אייניקע יאָר פון נישט ווייזן זיך אין טעאַטער איז געקומען דער קעניג לואי פיליפּ מיט דער קעניגן און פּרינצן. די סאַמע אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן זענען געוואָרן אירע איבערגעגעבנסטע פריינד, מען האָט איר איינגעלאַדן אין די רייכסטע און אינטערעסאַנטסטע סאַלאָנען, מען האָט איר פאַרוואָרפן מיט די טייערסטע

(1) Alfred de Musset : De la Tragédie. Les Editions Parisiennes. Paris 1906.

פּרעזענטער. ס'איז געווען געענדיקט מיט דער גרויסער אָרעמקייט און נויט. איר פֿאָטער יעקב פעליקס האָט זיך געשמאָלצן אין נחת, אָבער אויך די גאַנצע משפּחה, איי־רע שוועסטער און איינציקער ברודער, וואָס זי האָט זיי זייער ליב געהאַט, אַלע זענען זיי געהאָלפֿן געוואָרן און דערנאָך, אַליין אויך געמאַכט אינטערעסאַנטע טעאַטראַלע קאַריערעס.

ראַשעלס שטערן האָט פון טאָג צו טאָג אויפגעשיינט אַלץ העכער און שטאַרקער. זי האָט געשפּאַנט פון טריאומף צו טריאומף; געפאָרן אויף גאַסטראָלן אין די סאמע וויכטיקסטע שטעט פון פראַנקרייך. געפאָרן קיין בעלגיע, האָלאַנד, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, איטאַליע און אפילו קיין רוסלאַנד ווהין זי איז איינגעלאַדן גע־וואָרן דורך דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן. ראַשעל איז געווען די איינציקע בינע־קינסטלערן וואָס האָט אַזוי יונג, אָפּגעהאַלטן אַזעלכע געוואַלטיקע טריאומפן; אַזוי יונג שוין געווען לעגענדאַריש באַרימט. אַפילו די באַרימטע זינגערן מאַליבראַן, וועמענס טאַלאַנט איז אויך אויפגעגאַנגען צו זיבעצן יאָר און מיט וועמען עס האָט זיך אויך געטומלט, איז ווייט נישט אַרויפגעשטיגן צו דער מדרגה; אין דער געשיכטע פון טעאַטראַלן אויפ־שטייג, איז ראַשעל פארבליבן אַן אוניקום.

אין וואָס איז אַלזאָ באַשטאַנען די גרויסקייט פון ראַשעל'ס קונסט?

דער בינע־קינסטלער פון אונדזער צייט געפינט זיך אין אַן אומפאַרגלייכלעך פּריווילעגירטער לאַגע ווי די קינסטלער פון אַמאָל, אַ דאַנק די טעכנישע דערגרייכונ־גען וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט, מיר זאָלן האָבן פון

ראַשעלס ערשטע ראָל אַלס קאַמי (קאַמיללאַ)
אין „האָראַס" פון פּ. קארנעל.

PHOTO B. N.

יעדן פון זיי, סיי דיסקן, סיי פילמען, סיי קלאַנג־פילמען וואָס פאַראייביקן זיין געזיכט, זיין שטים און זיין שפּילן, מיט איין וואָרט, מיר פאַרמאָגן אויף אייביק זיין גאַנצע קונסט, אָבער וואָס ווייסן מיר וועגן קינסטלער פון אַמאָל? וואָס ווייסן מיר וועגן דער שפּיל פון דער אַרטיסטקע אַדריען דע לעקוורער? וואָס ווייסן מיר וועגן אַ טאַלמאַ, צו גאָר וועגן דער פריער שוין דערמאָנטער מאַריאַ מאַליבראַן? וואָס ווייסן מיר, אַ חוץ וועגן זייערע קאָמפּאָזיציעס, וועגן דער ווירטואָזיטעט גופא פון אַ פּאַגאַניני, שאָפּען אָדער ליסט?

אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן די קינסטלער, איז נאָר אַ רעזולטאַט פון דעם איינדרוק וואָס זייער קונסט האָט איבערגעלאָזט אויף די מענטשן פון זייער צייט; אַן איינדרוק וואָס איז געווען אַזוי גרויס, אַזוי מעכטיק, אַז ער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די האַנדלונגען און אין די ווערק זייערע און דערמיט זענען די קינסטלער אַריין אין דער געשיכטע.

ראַשעל האָט שוין געהערט צו דער גענעראַציע קינסטלער, וואָס האָבן געהאַט דאָס מזל, אַז גלייך צום אויפשיינען פון איר אַרטיסטישן שטערן, זאָל אויך אַרויסקומען די דערפינדונג פון דער פאָטאָגראַפיע, איבער וועלכע דאַגער האָט געאַרבעט לאַנגע יאָרן און זעקס חדשים נאָך ראַשעלס דעביוט, דעם ניינטן יאַנואַר 1839, האָט אַראַגאָ געמאַכט די אָפיציעלע מיטיילונג אין דער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפט, וועגן דער רעאַליזירטער פאָטאָגראַפיע און אַ דאַנק דער דאָזיקער גרויסער דערפינדונג, וואָס איז אַרויסגעקומען אויף דער וועלט בעת דעם אָנהויב פון איר קאַריערע, פאַרמאָגן מיר היינט צו

טאָג, אַ ריי ביז גאָר אינטערעסאַנטע בילדער פון איר גופא און פון אירע סצענישע קרעאַציעס.

דאָס שטודירן די דאָזיקע פאָטאָגראַפיעס, אירע גע־זיכט־אויסדרוקן ביי פאַרשידענע סצענעס און פּאָזעס, ווי בכלל אירע פּאָרטרעטן, איז ביז גאָר אינטערעסאַנט, רעדט צו אונדז און דערציילט אַ סך, אָבער איז דאָס גענוג אויף צו פאַרשטיין די גרויסקייט פון איר קונסט?

איך האָב שוין ציטירט אַ ריי מיינונגען און איינדרוקן פון ראַשעלס לערער און קריטיקער, אָבער איידער איך וועל ברענגען נאָך אייניקע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען וועגן איר טאַלאַנט, סיי פון אירע ביאָגראַפן, און דער עיקר פון מענטשן וואָס האָבן איר געזען שפּילן און האָבן אָפּגעפּילט אויף זיך דעם גרויסן כוח אירן, דאַרף אויך געזאָגט ווערן אַ פּאָר ווערטער וועגן מצב פון דער קלאַ־סישער טראַגעדיע ביז צום באַווייזן זיך פון ראַשעלן, וואָרם אין דעם רוב שוין ציטירטע און נאָכקומענדיקע ציטאַטן, לייענען מיר וועגן דעם און עס וועט נישט זיין איבעריק זיך דאָס קלאָר צו מאכן אין גאַנץ קורצע ווערטער:

אין די פריער ציטירטע שורות פון אַלפרעד דע מיסע, דערציילט דער דיכטער אַ „פּאַרכאַפּנדיקע" זאַך, אַז די פּיעסן פון קאָרנעל און ראַסין, וואָס ברענגען אַריין מיט ראַשעלס אָנטייל, פינף טויזנט פראַנק אַ פאָרשטעלונג, האָבן ביז איר באַווייזן זיך, אַריינגעברענגט נאָר פינף הונדערט.

איז וואָס איז דאָ געשען?

אויב איך האָב נאָר וואָס אָנגעוויזן אַז דאָס באַווייזן זיך פון ראַשעלן איז פאָרגעקומען אין דער זעלבער צייט

מיט דער אַנטשטייאונג פון דער פאָטאָגראַפיע, מוז אָבער אויך דערמאָנט ווערן, אַז ראַשעלס דעביוט אין דער פראַנ־צויזישער קאָמעדיע, איז געשען אין די טעג פון גרעסטן אויפבלי פון ראָמאַנטיזם אויף אַלע געביטן אין דער קונסט און אויך אין טעאַטער, ווו עס האָבן געהערשט: לאַמאַרטין, וויקטאָר הוגאָ, אַלעקסאַנדער דיומאַ (דער פאָטער), אַלפרעד דע מיסע, אַלפרעד דע וויני א. א. מיט זייערע ראָמאַנטישע ווערק; די קלאַסישע טראַגעדיע איז אינגאַנצן אַראָפּ פון דער סצענע. די ראָמאַנטיקער האָבן געגלויבט אַז דער קלאַסיציזם איז טויט. דאָס באַווייזן זיך פון ראַשעלן מיט איר אופן שפּילן אין דער קלאַסי־שער טראַגעדיע, האָט באַוויזן אַז די דאָזיקע ווערק זענען גאָרנישט פאַרעלטערט געוואָרן און נישט אָפּגעלעבט, נאָר אַז עס האָט געפעלט די ריכטיקע אינטערפּרעטאַציע; ראַשעל מיט איר געוואַלטיק־אייגנאַרטיקן טאַלאַנט אַלס טראַגיקערן, האָט באַוויזן די לעבעדיקייט פון די ווערק, וואָס פלעגן ביז איר, געשפּילט ווערן מיט שלעכט־פאַר־שטאַנענער אויספירונג און פאַלשן פּאַטאָס, וואָס דאָס פּובליקום האָט עס אַלץ מער אָנגעהויבן אָפּפילן און פאַר־לוירן דעם אינטערעס צו זעען די אָנגעבלאָזענע דעקלאַ־מאַציעס; מען האָט געגלויבט אַז די קלאַסישע טראַגע־דיע איז בלויז גוט אַלס לערן־מאַטעריאַל, אָבער נישט פאַר דער סצענע, פאַר וועלכע זי האָט נישט מער קיין ווערט, אַז זי איז „אָפּגעלעבט".

ראַשעל איז געקומען אין ריכטיקן מאָמענט און מיט איר אופן שפּילן, באַוויזן דעם טעות פון אירע צייט מענ־טשן, אַז די שולד איז געלעגן נישט אין די פּערל פון קאָרנעל און ראַסין, נאָר אין נישט פאַרשטיין דעם קינסט־

לערישן אמת; מיט איר אופן שפּילן און אינטערפּרע־
טאַציע, האָט ראַשעל אַריינגעברענגט אַ רעוואָלוציע אויף
דער סצענע און דאָס סאַמע מערקווירדיקסטע אין דעם
אַלעם איז דער פאַקט, וואָס דאָס נייעס איז געשען אָן דעם
אַז זי גופא זאָל זיך האָבן אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן איר
קונסט, כ׳האָב שוין דערמאָנט אַז מען האָט איר געדאָרפן
לערנען קאָרעקטער שרייבן און אין גאַנצן גענומען איז
זי געווען אַן אַנאַלפאַבעט אין די אַלע פּראָבלעמען פון
טעאַטער און טעאַטראַלער קונסט און כמעט גאָרנישט
נישט געוווסט וועגן די פּיעסן אין וועלכע זי איז אויפ־
געטרעטן, אָפּהאַלטנדיק די גרעסטע טריאומפן. ווי אַזוי
עס האָט געקאָנט מעגלעך זיין אַזאַ זאַך, בלייבט אַ רעטע־
ניש פון דעם פענאָמען ראַשעל.

אָט ווי אַזוי איר ערשטער טעאַטער־דירעקטאָר ווערדעל,
שילדערט ראַשעל׳ס אויפטרעטן און שפּילן אין די סאַמע
ערשטע חדשים פון איר אַרטיסטישער קאַריערע:

„דער פּויערהאַנג ציט זיך אַרויף און ראַשעל
דערשיינט אויף דער סצענע; אומצאָליקע אַפּלאָ־
דיסמענטן נעמען אויף איר באַווייזן זיך; אַ רעלי־
גיעזע שטילקייט און טיפע געשפּאַנטקייט מאַכט אַ
סוף צו יעדע גערעדעריי. עס זעט אויס ווי מען
וואָלט זיך געשראָקן נישט צו פאַרלירן קיין וואָרט,
קיין זשעסט, קיין בליק; דאָס געפיל באַהערשט
אַלעמען און שאַפט אַ שטימונג וואָס איז אי גוט
אי שאַרף; ס׳האָט ענטציקט דער כוח פון דער אַזוי
יונגער און זעלטענער אינטעליגענץ, די נישט דער־
קלערבאַרע פּראַכט, וואָס זי האָט אַריינגעגעבן אין
די שיינע פערזן פון ראַסין; עס איז געווען אַזאַ

צארט דעקלאמירן, וואָס איז גליין פו, אויער אריינגעדרינגען אין הארצן. זי האָט געפאנגען, מיט־געריסן, דערפירט צו אַ געוואַלטיקער ענטציקונג.

געמוטיקט, געשטאַרקט דורך דער מיטגעריסנ־קייט פון פובליקום, האָט זי באַקומען מער צוטרוי צו זיך גופא. זי האָט זיך דערלויבט אויף דעם, אויף וואָס זי וואָלט זיך אפשר נישט דערוועגט אין די פריערדיקע אויפטריטן און אַלץ אויף וואָס זי האָט געוואָגט איז איר וווּנדערבאַר געלונגען...

זי האָט פאַרכאַפּט די נשמות פון יעדן, פאַר־שפּרייט איינס נאָך דאָס אַנדערע, האָפענונג, ליבע, שרעק און גרויל!".

דער זשורנאַליסט פעליקס דיקענאַל, דערציילט אין „לע פּטי זשורנאַל" פון 24־טן נאָוועמבער 1913:

„וויפל מאָל, האָט מיר מיין פאָטער געזאָגט:

„אויב מען האָט נישט געקאָנט ראשעלן, קאָן מען נישט האָבן קיין באַגריף פון דעם טראַגישן איינ־דרוק; די דאָזיקע פרוי האָט געהאַלטן אין שפּאַ־נונג אַ גאַנצן זאַל. מען האָט פון איר נישט אַראָפּ־גענומען קיין אויג און איר שטימע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ וווּנדערבאַרן טעמבר, וואַרעם און קלינגענדיק, האָט אויסגעדרוקט אַלע געפילן פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן, שנאה אָדער צאַרטקייט, ליבע אָדער אייפערזוכט און דאָס אַלץ מיט אַזאַ פּערפעקציע, אַז אַזעלכעס איז מער נישט געזען געוואָרן".

אַן אָנגעזעענער בערלינער טעאַטער־דירעקטאָר, עדו־אַרד הערוויע, וואָס האָט געזען ראשעלן אויפטרעטן אין

„באזשאזע" (פון ראסין) שרייבט וועגן איר אין זיינס א בריוו פון 28־טן מערץ 1839 :

„זי רעדט : א ווייכע שטימע, נישט קיין פולע אָבער זייער אַן איינדרוקספולע : דאָס אַרויסרעדן איז פיין און קלאָר אַז די אויסלענדער אפילו, פאַר־לירן נישט קיין איינציקע זילבע. איר דיקציע האָט אַ רייפקייט, אַ זיכערקייט, אַ קענטעניש פון מאָדע־לירונג, אַז גלייך פון אירע ערשטע ווערטער, פילט מען זיך אין דער אַנוועזנהייט פון אַ מייסטער און דערנאָך, אין די שטאַרקערע סצענעס איז נישט פאַראַן קיין שום איבערטרייבונג, אַלץ, אַלע סצע־נישע באַוועגונגען זענען וואונדערבאַר רעגולירט. ס'גלוסט זיך צו לאַכן, בעת מען הערט דעם עולם פאַרזיכערן, אַז דאָס אַלץ איז ביי איר אינסטינקטיוו, אַז עס איז אַן אויסשליסלעכער רעזולטאַט פון איר נאַטור".

„אַ שפּיל מיט אַזאַ וואונדערבאַרער גלייכגעוויכט, מיט אַזאַ וואונדערבאַרער האַלטונג, אַזאַ באַווייזן זיך פון כוח און איינדרוק, קאָן נישט זיין קיין רעזול־טאַט פון בלויז טאַלאַנט. דאָס וואָס ענטציקט אונדז ביי ראַשעלן איז אויסגעלערנט, אויסגעלערנט מיט אַן אוימגלויבלעכער שנעלקייט ; זי האָט זיכער פאַר־איבעריקט אין איינִיקע וואָכן דאָס, וואָס פאָדערט יאָרן אַרבעט ביי אַנדערע..."

עדואַר הערוויע איז נישט געווען גערעכט, ווען ער האָט מינימיזירט די ראָל פון אינסטינקט ביי ראַשעלן. ער איז אָבער געווען גערעכט, אַנווייזנדיק אויף איר כוח צו לער־נען געוואַלטיק גיך.

װעגן ראַשעלס שטים, שרײַבט אַרסען הוסע, אײנער פֿון די אָנגעזעענסטע שרײַבער און קריטיקער פֿון איר צײַט, איר לעצטער טעאַטער־דירעקטאָר:

„די דאָזיקע מעטאַלענע שטים, אַזױ דורכדרינגענדיק אין איר קלאַנג, איז אַזױ צאַרט אַפֿילו אין די סאַמע דינסטע טענער".

בײַ זשיל זשאַנאַן, אין זײַנס אַן אָפּהאַנדלונג װעגן ראַשעלן, לײענען מיר:

„אין איר ענערגישער און רירנדיקער שטימע, האָט זיך געהערט אַן עכאָ פֿון אַטען - טעאַטער".

„אַלע זענען אײנשטימיק אױף צו פּראָקלאַמירן איר אַלס ערשט־ראַנגיקע רעדערן. זי האָט אַרטיקולירט מיט אַן אױסערגעװײנלעכער קלאָרקײט, אַרײַנגעבנדיק אין די װערטער זײער פֿולן זין, אָבער די אײדלקײט פֿון דער טראַגעדיע, האָט בײַ איר קײנמאָל נישט אָפּגענומען דאָס געפֿיל פֿון אמת, פֿון דער נאַטור, פֿון לעבן" שרײַבט אײנער פֿון אירע ביאָגראַפֿן, דער אַקאַדעמיקער לואי באַרטו.

און אַ ביסל װײַטער, גיט ער צו:

„זי האָט געלערנט דאָס גוטע בײַ די גוטע אַקטיאָרן אַרום איר, געלערנט פֿון די עצות פֿון איר לערער סאַמסאָן, פּונדעסטװעגן, האָט זי דעם עיקר װאָס האָט איר אַרױפֿגעפֿירט אַזױ הױך, פֿאַרמאָגט אין זיך אַלײן".

ערנעסט לעגווויע, אַ דיכטער און דראַמאַטורג, דער מחבר פֿון דער פּיעסע „אַדריען דע לעקוורער" וואָס איז אַגב אויך געשפּילט געוואָרן דורך ראַשעלן, דרוקט זיך ווענן איר אויס:

„מען האָט איר געגעבן אַ גראָשן און זי האָט אומגעקערט אַ גאָלד־שטיקל".

דער דיכטער בעראַנזשע, האָט אין שייכות מיט ראַשעלס ערשטע טריאומפן געשריבן:

„כ'האָב פאַרברענגט אַן אָוונט אין שטודירן דעם דראַמאַטישן פענאָמען וועלכן כ'האָב נאָר וואָס באַוווּנדערט אין טעאַטער. קיינמאָל האָט קיין פרוי נישט געשפּילט קיין טראַגישע ראָל אַזוי ווי זי. זי איז נאָך נישט אַזאַ גרויסע אַקטריסע ווי טאַלמאַ איז גרויס אַלס אַקטיאָר און זי שפּילט בעסער פון אים, וואָס האָט אָבער געשפּילט אַזוי גוט" און ער רופט איר אָן „מאַגיקערן".

נאָך איינע פון אירע ספּעקטאַקלען, קושט איר אַלעקסאַנדער דיומאַ (דער פאָטער) און רופט אויס:

„איר זענט די פרוי פון אַלע דורות און אַלע טריאומפן!".

די מאַדאַם דיסאַן, אַ מחבר'ן פון אַ גאָר וויכטיקער עסעי וועגן ראַשעלן פרעגט:

„ווער האָט איר געקענט געבן די אידעע וועגן איר אופן רעדן? נישטאָ, נישט פאַראַן דערויף קיין דערקלערונג. גלייך נאָך איר ערשטן אויפטריט אָן דאַרף געזאָגט ווערן, גאונות!".

דאָס לעצטע וואָרט שליסט אין זיך איין דעם פענאָמען ראַשעל, וואָס האָט איר אַרויפגעפירט צו דער העכסטער מדרגה וואָס אַ קינסטלער קאָן דערגרייכן; אַלגעמיינע אנערקענונג און דאָס אַריינגיין אין דער געשיכטע פון קונסט און טעאַטער, וואָס איז נישט יעדן שטערבלעכן געגעבן געוואָרן.

II.

אויף דער הויך פון דער גרעסטער אָנערקענונג, פאַר־געטערונג ממש, אין דער שפּיץ פון אירע סאַמע גרעסטע טריאומפן, קינסטלערישער סאַטיספאַקציע און מאַטער־יעלן וווילטאָג, האָבן צו ראַשעלן אָנגעהויבן דערגרייכן שפּילקעס און שטעכעכץ פון קליינלעכע און נישט פאַר־גינערישע נשמות, וואָס האָבן פון טאָג צו טאָג, אָנגע־נומען אַן אַלץ שווערערן כאַראַקטער; אַט וואָס מיר לייע־נען אין אירם אַ בריוו פון באָרדאָ, געשריבן דעם 19־טן אויגוסט 1841:

„מ. מאַלאַק האָט מיר געשריבן אַז מען דער־ציילט מאָדנע זאַכן אויף מיין חשבון און אַז די צייטונגען מישן זיך אריין... כ׳בין אומעטום פאַר־פאָלגט און קיין שום פאַרזיכערונג וועט מיך נישט פאַרהיטן פון די קלאַנגען וואָס ווערן פאַרשפּרייט אויף רעכטס און לינקס. עס גייט נישט פאַרביי קיין טאָג מען זאָל מיר נישט שרייבן די סאַמע ערגסטע זאַכן; איך בין אויף דאָס ניי קראַנק. צוואַנציק מאָל אין טאָג האָב איך אַ פאַרלאַנג צו טאָן ווי דער מיזאַנטראָפּ, כ׳זאָל אַוועק אין עפּעס אַ מדבר; אַנטלויפן פון יעדן מענטשלעכן מין״.

„איך וויים באמת נישט צו כ׳וועל אזוי לאַנג קאָנען לעבן. כ׳בין מיד, טרויעריק און אויב עס

וועט אזוי ווייטער זיין, וועל איך וויינען מיט ביטע־רע טרערן.

ראשעל"

די דאָזיקע אביסל נאאיווע שורות, באווייזן אָבער וואָס די יונגע ראשעל האָט שוין געהאַט אויסצושטיין פון איר אַרום, וואָס האָט איר באַרעדט, פאַרשפּרייט אויף איר בילבולים, דערצייילט וועגן איר אָן אַ שיעור ליגנס און אַזוי אַרום איר אָפּט דערפירט צו פאַרצווייפלונג; איינע פון די הויפּט־סיבות וואָס האָבן אַרויסגערופן די אָנגריפן אויף איר, האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס פיל, זייער פיל האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיט דעם אומגעהויערן דערפאָלג פון יידישן מיידל ראַשעל.

איר יידישקייט אַליין איז פאַרשטייט זיך שוין געווען אַ גענוגנדיקע סיבה, צו זיין דאָס ציל־ברעט פון די שונאי־ישראל, בפרט אַז זיי האָבן אין דער יונגער קינסטלערן געפינען גענוג אַנדערע „זינד" וועלכע זיי האָבן אויס־גענוצט ביי יעדער געלעגנהייט און דער מלחמה וואָס זיי האָבן געפירט קעגן איר. צום גליק, האָט די יידן־שנאה נישט געשפּילט קיין וויכטיקע ראָלע אין די טעג פון ראַשעלס לעבן און טריאומף, אָבער אָפּגעפּילט האָט זי עס גענוג, גענוג שטאַרק.

שוין דער נאָמען ראשעל איז זיי נישט געפעלן; זי האָט דאָך אויך געהאַט אַ צווייטן נאָמען, עליזע און דאָס אָפּ־שטעלן זיך אויף דעם יידיש־ביבלישן נאָמען וואָס איז, ווי מיר ווייסן עס, געקומען פון דעם „זשימנאַז"־דירעק־טאָר פּואַרסאָן, פונדעסטוועגן איז עס פאַר די לייט געווען ווי אַ מאַניפעסטאַציע פון איר יידישקייט, וואָס האָט זיי שאָקירט.

אירע גרויסע סצענישע טריאומפן, האָבן די לייט דער־קלערט אַלס יידישער טומל; אַז דאָס איז נישט אַזוי דער רעזולטאַט פון איר קונסט, ווי פון יידישער סאָלידאַריטעט, צוליב וואָס די יידן שטראָמען מאַסנווייז אין טעאַטער אַריין כדי איר צו אַפּלאָדירן. דער צופאַל וואָס דער קריי־טיקער, וועלכער האָט איר דער ערשטער געשענקט די אָנערקענונג, איז געווען אַ ייד (דער שוין דערמאָנטער זשיל זשאַנאַן) האָט אויך באַוויזן „געגנוג קלאָר" אַז דער טומל אַרום איר איז אַ יידישער... אַפילו דער פאַקט, וואָס דער באַוווסטער אַדוואָקאַט אַדאָלף קרעמיע איז געווען איר פריינד און עצה־געבער, איז אויך געווען אַ באַווייז פון יידישער סאָלידאַריטעט...

מיט אַדאָלף קרעמיע האָט זי זיך באַקאַנט גלייך פון אירע ערשטע טריאומפן; געוואָרן אַן אייגענע ביי אים אין שטוב און אים אַנדערש נישט גערופן ווי „טייערער פּאַפּאַ". קרעמיע איז אַ חוץ איר עצה־געבער אויך געווען איר בריוו־שרייבער: איך האָב שוין דערציילט אַז ראַשעל איז אין אָנהויב פון איר אַרטיסטישער קאַריערע, נאָך געווען זייער שוואַך מיט איר פראַנצויזיש־שרייבן; שפּעטער האָט זי זיך דערלערנט... געהאַט אַ פיינעם סטיל, געשריבן אינטערעסאַנטע בריוו, אָבער דערגיין צו דער מדרגה פון אויסמיידן פעלערן, דערצו איז זי קיינמאָל נישט געקומען. צוזאַמען מיט איר רום וואָס איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער, האָט זי אויך באַקומען אַלץ מער פאַרבינדונגען מיט באַרימטע מענטשן פון איר צייט; זי האָט באַדאַרפט שרייבן און ענטווערן אויף בריוו און אַדאָלף קרעמיע האָט עס אין דער ערשטער צייט גענומען אויף זיך. „די גאַס" האָט זיך גיך דערוווסט אַז קרעמיע

איז איר פאַרטרויטער און עס אויך באַטראַכט אַלס רעזול־טאַט פון יידישקייט, וואָס האָט זיי דערנענטערט און געבונדן.

די יידן־פיינד פון איר צייט האָבן זיך אָבער אויך באַנוצט מיט פאָרווורפן וואָס האָבן אַ סך שווערער געטראָפן אין ראַשעלס יידישקייט: אויף וויפל מען האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלע איינצלהייטן פון איר פּערזאָן און אופן לעבן, האָט מען אויך אויסגענוצט געוויסע שוואַכקייטן אירע, כדי זיי פאַרצושטעלן ווי אַלגעמיין יידישע חסרונות און ביז היינט צו טאָג באַשעפטיקן זיך אירע ביאָגראַפן, מיט אויפקלערן, מיט באַשולדיקן אָדער פאַרטיידיקן דעם אָנדענק פון דער קינסטלערן אין שייכות מיטן פאָרוואַרפן איר געלט־גייציקייט און קאַרגשאַפט, וואָס זאָל לויט די יידן־פיינט פון אַמאָל און די אַנטיסעמיטן פון היינט, זיין אַ יידישער ראַסן־פעלער.

איז ראַשעל טאַקע געווען קאַרג און געלט־גייציק?

זענען יידן קאַרג און געלט־גייציק?

עס איז אַ פאַקט אַז ראַשעל פלעגט כסדר פאָדערן אַלץ מער באַלוינונג פאַר אירע פאָרשטעלונגען. אַז זי פלעגט זוכן וואָס גרעסערע געלט־פּראָפיטן פאַר איר קונסט, אַ זאַך וואָס האָט אָפט איבערגעלאָזט אַ שווערן איינדרוק אויף די טעאַטער־דירעקטאָרן. עס איז אָבער אויך באַוווסט אַז נעבן איר, איז געשטאַנען איר פאָטער וואָס האָט געהאַט די דעה און וואָס האָט געזוכט צו ציען וואָס מער פּראָפיטן פון זיין געניאַלער טאָכטער. ראַשעל האָט געדאַרפן אַ סך געלט פאַר איר משפחה; פאַר אירע שוועסטער און ברודער צו וועמען זי איז געווען שטאַרק צוגעבונדן, זיי אַלעמען זייער ליב געהאַט און געטאָן פאַר זיי

אָן אַ שיעור. די שוין דערמאָנטע מאַדאַם דיסאַן, וואָס אין איר עסעי גיט זי אָפּ פיל פּלאַץ וועגן ראַשעלס געיעג נאָך געלט, דרוקט זיך וועגן דעם אַזוי אויס:

„זאָל איך דערזאָגן מיין געדאַנק ביז צום סוף? איר האַרץ. זי האָט פאַרמאָגט האַרץ, האָט פול־שטענדיק געהערט איר ראַסע. ראַשעל די גוטע, די איבערגעגעבענע, די צערטלעכע, איז בלויז די משפּחה פעליקס, האָט איר געקאָנט אַלס אַזעלכע".

אַז די צוגעבונדנקייט ראַשעלס צו איר היים איז געווען זייער גרויס, וועגן דעם זענען מסכים אַלע וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט איר לעבן און היים, פאַר וועלכע זי האָט אַזוי פיל איינגעריסן און אויף זיי אויסגעגעבן זייער פיל געלט, אָבער דאָס פאַרדריסלעכע אין דעם אַלעם, איז וואָס איר יאָגן זיך נאָך געלט, ווערט פאַרגעשטעלט ווי אירס אַ יידישער פעלער.

די מאַדאַם דיסאַן, די מחבר'ן פון דער אינטערעסאַנ־טער אָפּהאַנדלונג, וואָס איז דערשינען אין די טעג ווען כ'שרייב די פאָרליגנדיקע שורות, געהערט צו די ביאָגראַפן ראַשעלס וואָס איז פיל מיט באַוווּנדערונג פאַר דעם אָנ־דענק פון דער גרויסער קינסטלערן און איז אָבער אויך נישט פריי פון אַנטיפּאַטיע צו יידן וואָס מיר לייענען אַרויס פון מערערע שטעלן.

אָט וואָס זי שרייבט:

„געלט? ראַשעל האָט עס קיינמאָל נישט געהאַט גענוג. פּונקט ווי אַ פיבער־קראַנקער וועמען עס פעלט כסדר וואַסער, ווייל ער קען נישט שטילן זיין דורשט; דאָס גאַנצע גאָלד פון דער וועלט, וואָלט

נאָך געלאָזט ראַשעלן גיריק צו איין צוואַנציק־פראַנק־שטיק, וואָס וואָלט זיך איר געהאַלטן ביים אַרויסגליטשן".

„איז דאָס קאַרגשאַפט? כמעט נישט, אַ פיבער, אַ פיבער געירשנט פון אירע ווייטע זיידעס".

סאַראַ פינצטערע שורות!

די מאַדאַם דיסאַן איז באַקאַנט אין פראַנקרייך; זי איז אַ געוועזענע אַקטריסע אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע. זי איז אַ פּראָפעסאָרן אין אַ דראַמאַטישער שול, זי איז אַ שרייבערן און אַ לעקטאָר'ן איבער טעאַטער. זי איז אַ מענטש מיט אַ סך קולטור און מיט נאָך מער שנאה צום יידישן פאָלק און דערפאַר, זייענדיק פיל מיט באַוווּנדערונג פאַר דער גרויסער ראַשעל, קאָן זי אַנדערש נישט, ווי פאַרוואַנדלען איר אייגענע אינטעראַנטע עסעי אין אַן אַנטי־יידיש בלעטל, פאָרשטעלנדיק אונדז ראַשעלן אין אַ שווידערלעכן געיעג נאָך געלט, נאָך גאָלד, שרייבנדיק, אַז דאָס אַלץ, איז אַפילו נישט צוליב קאַרגשאַפט, חלילה, נאָר יידישע ירושה, „אַ פיבער געירשנט פון אירע ווייטע זיידעס".

האָט די מאַדאַם דיסאַן זיך אויך גענומען די אויפגאַבע צו באַווייזן, אַז יידן זענען געלט־גייציק און אַז אונדזערע זיידעס זענען עס געווען? ניין, דאָס האָט זי געהאַלטן פאַר נישט נויטיק. ווער ווייס עס דען נישט אַז יידן יאָגן זיך נאָך געלט? צוליב וואָס באַווייזן?

ביז לעצטנס האָב איך געוווּסט אַז די מאַדאַם דיסאַן איז ספּעציאַליזירט, דער עיקר, נאָר אויפן געביט פון טעאַטער, אָבער אין שייכות מיט אירע שורות, וועגן ראַשעלן, דערוויס איך מיך, אַז זי איז אויך „ספּעציאַ־

ליזירט" אין די אַזוי דעליקאַטע פּראָבלעמען פון ירושה־אינסטינקט...

אָבער איך בין מער ווי זיכער, אַז אירע קענטעניש אויף דעם געביט פון אינסטינקט, האָבן אַ שייכות נאָר צו יידן... יאָ, ווער איז עס אַלץ נישט קיין ספק, ווען עס האנדלט זיך וועגן אונדז...

דאָס באַשולדיקן ראַשעלן אין קאַרגקייט און אין געלט־גייציקייט איז נישט מער ווי אַ בילבול אויף איר אין וועלכן די יידן־פיינטלעכע וועלט כאַפּט זיך אַלעמאָל אָן, אָן צו וועלן וויסן דעם פאַקטישן אמת.

אַביסל ווייטער וועל איך ברענגען אינטערעסאַנטע שורות וועגן דעם ענין.

וועל איך מיך איצט אָפּשטעלן אויף נאָך אַ האַנדלונג ראַשעלס וואָס ווערט איר אויך פאָרגעוואָרפן אַלס יידישע ירושה, אַלס ראַסן פעלער פון דעם פאָלק צו וועלכן זי האָט אָנגעהערט; דאָס זענען געווען אירע אָפטע רייזעס סיי אין אויסלאַנד און סיי אין דער פראַנצויזישער פּראָווינץ. אַן אומדערמידלעך אַרומשלעפּן זיך פון שטאָט צו שטאָט, כסדרדיקע טורנעיען, וואָס האָבן אגב, רואינירט איר אַזוי אויך שוואַך געזונט. די דאָזיקע רייזעס, ביי וועלכע זי פלעגט פאַרדינען קאָלאָסאַלע געלטער, פלעגן איר פאָרגעוואָרפן ווערן ווי אירס אַ יידישער פעלער; איר כסדרדיק אַזוי אָפט וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, דאָס איז דאָך אויך די אַלטע ירושה פון אייביקן וואַנדערער; איר פאָלק איז אַ וואַנדער־פאָלק; אירע טאַטע־מאַמע זענען דאָך אויך געווען וואַנדערער, וואָס איז אַלזאָ דער וווּנדער ראַשעלס אַרומפאָרן? דאָס איז דאָך אַ רעזולטאַט

פון איר יידישן אינסטינקט, האָט מען איראָניזירט אויף איר חשבון, דאָס איז דאָך איר׳ס אַ ראַסן פעלער !...

ווי לאַנג איז עס גאָר אינגאַנצן, ממש אין אונדזערע טעג, אַז די ברידער זשאַן און זשעראָם טאַראָ, האָבן אין זייער ראָמאַן „ל׳אָמבר דע לאַ קרואַ" (אין שאָטן פון צלם), געשריבן פאָלגנדיקע שורות:

„דער געדאַנק פון פאָרן אַהין אַלס שליח, נישט דאַרפנדיק דערביי עפענען דעם אייגענעם בייטל, האָט עגזאַלטירט ביי די יידן זייער וויינזיניקע באַ־רימעריי, דעם פאַרלאַנג צו גלאַנצן צווישן זייערע אייגענע און דעם אַלטן אינסטינקט פון וואַנדערן, וואָס באַלעבט ישראל׳ן פון זיינע אַלטע צייטן און שטופּט אים אומדערמידלעך איבער אַלע וועגן פון דער וועלט". 1)

אַזוי האָבן געשריבן גאָרנישט לאַנג צוריק, די צוויי פראַנצויזישע אַקאַדעמיקער, וואָס זייערע ראָמאַנען אויף יידישע טעמעס ווערן פיל געלייענט און וואָס די מחברים ווערן אויך באַטראַכט פאַר קענערס פון יידישן לעבן, איז וואָס זיך וווּנדערן אַז אין ראַשעלס טעג, האָט מען איר גרויסע צאָל רייזעס פאַרשריבן ווי אירם אַ יידישן פעלער ?

דערצו נאָך אַז עס איז באַוווּסט איר׳ס אַ בריוו אין שייכות מיט די פּראָווינץ־גאַסטראָלן: דאָס איז געווען אין יאָר 1849; אין פאַרלויף פון קנאַפּע דריי חדשים, האָט ראַשעל מיט דער טרופּע, וואָס איז געווען אָנגעפירט דורך איר ברודער רפאל פעליקס, געגעבן פיר און זיבע־

(1) J. et J. Taraud : « L'ombre de la Croix ». Librairie Plon.

ציק פאַרשטעלונגען אין פינף און דרייסיק שטעט; נאָך א פאַרשטעלונג, האָט מען זיך גלייך געלאָזט אין וועג אריין, פאָרנדיק ביי נאכט; אָנקומענדיק האָט מען רעפּע־טירט, אין אָוונט געשפּילט און גלייך ביי נאַכט, נאָך דער פאַרשטעלונג, ווידער זיך געלאָזט אין וועג אריין; „וואָס פאַרא וועג, וואָס פאַרא מידקייט, אָבער וואָס פאַרא נדן!” האָט ראשעל געשריבן אין אירם א בריוו...

„וואָס פאַרא נדן”!

יאָ, דער דאָזיקער בריוו ווערט פיל מאָל אַרויסגעצויגן ווי א באַשולדיקונג־אַקט קעגן ראשעלס געיעג נאָך געלט, אַז דער געלט־באַזיץ זאָל האָבן געווען איר ציל, איר... פעלער, איר יידישע ירושה...

איז דער דראַנג צו וועלן האָבן געלט און זיין קאַרג, טאַקע א יידישע פעלער?

זעען מיר נישט דעם דאָזיקן שטריך אויך ביי נישט־יידן?

האָט דאָך מאָליער געקאָנט פאַרוואַנדלען זיין אַרפּאַ־גאָן אין א יידן פונקט ווי שעקספּיר האָט עס געטאָן פאַר זיין „קויפמאַן פון ווענעדיק” און ער האָט עס נישט געטאָן!

אַרפּאַגאָן איז אין די טעג פון ראשעלס לעבן שוין אַלט געווען ביי צוויי הונדערט יאָר... מען האָט אים שוין אַזוי גוט געקענט... אָבער גיי און פּרוביר איינטענהן מיט נישט פאַרגינערס און שונאי ישראל.

יאָ, ראשעל האָט פאַרדינט א סך געלט, זייער א סך געלט און געוואָלט אויסנוצן איר טאַלאַנט אויף צו פאַר־דינען נאָך מער! האָט דאָס וועמען געשאַדט? האָט זי

נישט געטאָרט? איז דאָס טאַקע געווען אַזאַ זינד קעגן דער וועלט? קעגן דער מענטשהייט? קעגן גאָט?

אָטאָ די אַלע „איידעלע"־לייט וואָס קאָכן זיך אַזוי, זענען ברוגז אויף ראַשעלן צוליב איר וועלן פאַרדינען און וואָס מער, האָבן זיי כאָטש איינמאָל, כאָטש איין און איינציק מאָל פאָרגעוואָרפן וואָלטער'ן זיין געיעג נאָך געלט?

ראַשעל האָט פאַרדינט מיט איר קונסט; זי האָט פאַר־דינט, געבנדיק אירע צייט־מענטשן דאָס שענסטע וואָס דער קינסטלער קאָן נאָר געבן דער מענטשהייט: גרויסע עמאָציע, דערהויבונג, קינסטלערישע אויפטרייסלונג: העבּ־סטן פּאָעטישן ציטער, בעת וואָלטער האָט זיך דערוואָרבן זיין רייכקייט, דורך דעם וועג פון די סאַמע פּשוטסטע געשעפטן, יאָ, ער האָט זיך פאַרנומען מיט געוועגלעכע פראָזאאישע ביזנעס...

ניין, קיינער האָט עס אים נישט פאָרגעוואָרפן!

ס'איז אויך כמעט ווי אַ פאַקט, אַז וואָלטערס אַנטי־סעמיטיזם, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם... וואָס דער פילאָזאָף האָט פאַרלוירן אַ געוויסע געלט־סומע ביי אַ באַנקיר אַ ייד, וואָס האָט באַנקראָטירט!

וואָס זאָל מען שוין זאָגן וועגן די טונקעלע פינאַנציעלע אָפּעראַציעס פון באָמאַרשע?

פאַרנעמט מען זיך דערמיט? טומלט מען וועגן זיי? רעדט מען וועגן דעם ,ביי יעדער געלעגנהייט? זוכט מען עס כסדר אַרויסצופירן פאַר דער וועלט, כדי וואָס מער מענטשן זאָלן וויסן אויף וואָס דער שרייבער איז אַלץ געווען פעאיק?

ראַשעל האָט אין איר בלי־צייט, דערגרייכט אין דער

פראַנצויזישער קאָמעדיע, צום געהאַלט פון 60 טויזנט פראַנק אַ יאָר, בעת מיט אַ קורצע פּאָר יאָר פריער, האָט די שוין דערמאָנטע מאַליבראַן באַקומען 90 טויזנט פראַנק פאַר נאָר איין קאָנצערט־אָוונט, ווערט די דאָזיקע זינגערן פאַרשריגן אין גאַנץ־גאַנצן ? קיינער דערמאָנט עס אפילו נישט !

כ׳וואָלט געקאָנט אויסרעכענען אַ ריזיקע צאָל פון אַריסטאָקראַטן פון גייסט וואָס האָבן שווינדלעך זיך געיאָגט נאָכן גראָשן, אָבער מיט רעכט פאַרנעמט מען זיך נישט מיט די ענינים.

ס׳איז פאַראַן אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע געשיכטע וואָס דערציילט, אַז וויקטאָר הוגאָ האָט זיך אַמאָל גע־קלאָגט פאַרן אַרויסגעבער פון דער „רעווי דע דעי מאָנד" בילאָז, לּמאַי יענער ציטירט נישט פון זיין שרייבן, בעת ער ציטירט אָפט די ווערק פון דיכטער אַלפרעד דע וויני.

בילאָז זאָל אים האָבן געענטפערט :

— ווען כ׳ציטיר עפּעס פון אַלפרעד דע וויני, קאָסט ער מיך גאָרנישט, אָבער ווען כ׳ציטיר פון אייערע ווערק, ווייס איך אויף זיכער, אַז כ׳וועל מאָרגן באַקומען פון אייך אַ חשבון אויף צו באַצאָלן. 1)

אַפילו ווען די נאָר וואָס געבראַכטע מעשה זאָל גע־שיכטלעך נישט זיין ריכטיק, אילוסטרירט עס אָבער גענוג קלאָר, ווי ווייט וויקטאָר הוגאָ האָט אַכטונג גע־געבן אויף זיינע פאַרדינסטן. האָט מען עס דעם דיכטער

(1) Léon Treich : L'esprit de Victor Hugo. Paris 1928.

פֿאַרגעוואָרפֿן? זוכט מען צו פֿאַרשוואַרצן זיין גרויסן נאָמען און אים כסדר באַשולדיקן אין געלט־געיעג?

ראַשעלס יידישקייט איז געווען און איז די סיבה פֿון באַפֿאַלן איר ביי יעדער געלעגנהייט און פֿאַרוואַרפֿן איר, געלט־גייציקייט און געלט־געיעג.

דורך מיינע הענט זענען אַדורכגעגאַנגען אַן אַ שיעור צייטונגס־אויסשניטן פֿון אַרטיקלען און נאָטיצן וואָס זענען אָנגעזאַמלט געוואָרן אין די פּאַריזער ביבליאָטעקן און אַרכיוון וועגן ראַשעלן, זינט איר דעביוט אין דער פֿראַנצויזישער קאָמעדיע, ביז היינט צו טאָג; מען קען זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַראַ מבול באַרעדעריי, פֿאַלטשע אינפֿאָרמאַציע און אומדערהערטע ליגנס, די צייטונגען האָבן פֿאַרשפּרייט וועגן דער געניאַלער קינסט־לערן, נישט פֿאַרגעסנדיק דערביי, קיין איין מאָל, אויף וואָס פֿאַראַ עס זאָל נישט זיין אופֿן, צו דערמאָנען איר יידישקייט...

וועגן דעם פֿאַרשפּרייטן ליגנט, טענדענציעזער און פֿאַלטשער אינפֿאָרמאַציע און נישט געשטויגענע מעשיות, וואָלט איך געקאָנט אָנשרייבן אַן אַרבעט אַ פֿיל גרעסע־רע, ווי די וועלכע דער לייענער האָט איצט פֿאַר זיך!

צום גליק געפֿינען זיך מענטשן, איידעלע גייסטער, דענקענדיקע פּערזענלעכקייטן וואָס קענען זעען דעם אמת און פֿון צייט צו צייט, באַווייזן זיך אָפּהאַנדלונגען און ווערק, פֿיל מיט באַגייסטערונג פֿאַר דעם ווונדער ראַשעל, אַן די אינסינואַציעס וועגן „ירושה פֿון ווייטע זיידעס" ... !

פֿאַראַן שטימען וואָס דערקלערן ראַשעלס יאָגן זיך נאָך געלט, ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער גרויסער נויט וואָס

זי האָט אַדורכגעמאַכט פון איר ערשטן געבוירן טאָג אָן, וואָס האָט איר דערפירט צום אַרומגיין איבער די גאַסן פון ליאָן און פּאַריז, בעטלען, אויסשטרעקן איר האַנט צו די דורכגייער און וויפל זענען פאַרביי ביז אימעצער האָט זיך מרחם געווען און אַריינגעוואָרפן אַ נעבעכדיקע מטבע? די דאָזיקע נויט האָט באַאיינפלוסט איר פּסיכיק, איר גרויסע עמפינדלעכקייט און געשאַפן די שוואַכקייט צום גראָשן, צו געלט, צו האָבן געלט; זי האָט פאַראיבעריקט אַ פּסיכישן דעפעקט פון וועלכן זי האָט זיך שוין קיינמאָל נישט געקאָנט באַפרייען.

ווער ווייס וויפל אמת, אָדער אפשר טאַקע דעם גאַנצן אמת מיר קענען געפינען אין די דאָזיקע, דורך פאַרשידענע מענטשן אַרויסגעזאָגטע מיינונגען!

דער טעאַטער־קריטיקער פיארענטינא דערציילט וועגן אַ קאָנצערט לטובת אַ וווילטעטיקן צוועק, וואָס איז פאָרגעקומען מיט ראַשעלס אָנטייל; נאָך איר אויפטרעטן, האָט מען איר געבעטן זי זאָל אַדורכפירן אַ זאַמלונג איבערן זאַל; ראַשעל האָט אָנגענומען דעם דערציילער אונטערן אָרעם און אַרויסקומענדיק צווישן דעם עולם, האָט זי דערקלערט מיט אַ שמייכל:

— וויניקער פון אַ גאָלדשטיקל נעם איך נישט!

מען האָט אָנגעהויבן טראָגן גאָלדשטיקלעך; פון אַלע זייטן האָט מען זיך געשטופּט כדי צוקומען צו איר מיט די געברענגטע רענדלעך; די זאַמלונג האָט אַריינגעברענגט אַ סך געלט און ראַשעל איז געווען גליקלעך. אַז זי האָט געענדיקט די זאַמלונג, האָט מען באַמערקט אַז די פריילעכקייט איז פאַרשוונדן פון איר פּנים, אַז זי

איז אַפילו געוואָרן טרויעריק. אויף דער פראַגע פון איר באַגלייטער מכוח דער באַמערקטער ענדערונג, האָט ראַ־שעל געזאָגט:

— זעט די נאַרישקייט פון מענטשן! איצט ווען כ'בין רייך און באַרימט ברענגען זיי גאָלדשטיקלעך, אָן זיי צו בעטן; זיי פלעגן מיר אָפּזאָגן צוויי סו, ווען כ'בין געווען קליין און געשטאָרבן פון הונגער!

וועגן וואָס פאַראַ פּיין פון דעם קינד ראַשעל עס דער־ציילן די געברענגטע שורות. אַ פּיין וואָס האָט אָנגע־האַלטן יאָרן; צי האָט זי געקאָנט האַנדלען אַנדערש, ווען דער גאָלדענער רעגן האָט אָנגעהויבן?

לואי באַרטו ברענגט אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן פאַל:

בעת ראַשעל איז שוין געלעגן שווער קראַנק, פלעגט אַלעקסאַנדער דיומאַ, דער זון, קומען איר באַזוכן. בעתן אונטערהאַלטן זיך מיט איר, האָט ער געהאַט דעם איינ־דרוק אַז ער הערט פון צייט צו צייט דעם קלאַנג פון מעטאַל: איינמאָל האָט ער איר געפרעגט:

— וואָס איז עס פאַראַ מעטאַל־גערויש וואָס איך הער?

ראַשעל האָט אָפּגעדעקט איר קאָלדרע און אים גע־וויזן איר בעט וואָס איז געווען פול מיט גאָלדשטיקלעך, מיט וועלכע זי האָט זיך געשפּילט און אים געזאָגט:

— דאָס אַריינטאָן אין מעטאַל מיינע פינגער, ווירקט אויף מיר זייער גוט.

סאַראַ מערקווירדיקע, אויסטערלישע געשיכטע!

זאָל דאָס זיין קאַרגשאַפט, געלט־גייציקייט, צו גיכער דער פאַראיבעריקטער קאָמפּלעקס, אַ רעזולטאַט פון דורכגעמאַכטער נויט און גוטן געפיל פון באַוווסטזיין,

נישט צו דאַרפֿן זיך שרעקן פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג?

און דאָך איז עס אַ געשיכטע וועלכע מיר קענען נישט פֿאַרבייגיין און אָפּפּטר'ן מיט די פּאָר שורות פֿון אַ קאָמ־פּלעקס, צוליב דער דורכגעמאַכטער נויט אין איר קינד־הייט און יוגנט־יאָרן. די געשיכטע פֿאַרדינט אַ סך, אַ סך אויפֿמערקזאַמקייט, וואָרם דורך די רייד וואָס עס האָט דערציילט אַלעקסאַנדער דיומאַ, דער זון, וועלן מיר באַקומען אַ מעגלעכקייט צו דערזען דעם אמת, וועגן דער גרויסער יידישער קינסטלערן. די דיומה־מעשה איז אַ וווּנדערבאַרע אילוסטראַציע, צו דעם שדים־טאַנץ, וואָס עס איז אָנגעגאַנגען אַרום איר פּערזאָן, בעת איר לעבן און נאָך איר טויט און אַפֿילו נאָך, הייַנט צו טאָג!

די דאָזיקע אויסטערלישע געשיכטע איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט געוואָרן, דעם ערשטן אויגוסט 1924 אין דער „רעווי דע דעי מאָנד" דורך אַל. דיומאַ'ס איידעם, מאָריס ליפּמאַן (1 וואָס איז געווען אָפּט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון דיומאַ, דעם זון און אין פֿאַרלויף פֿון די יאָרן 1883 - 1884 נאָטירט פֿאַרשידענע געדאַנ־קען און געשיכטן וועלכע ער האָט געהערט פֿון שרייַ־בערס מויל. מיר דוכט אַז צוליב דעם כאַראַקטער פֿון דער אויסגאַבע, איז די געשיכטע כמעט ווי נישט באַ־מערקט געוואָרן, וואָרם כ'האָב אין די מאָסן צייטונגס־אויסשניטן פֿון די ראַשעל־מאַטעריאַלן וואָס איז מיר אויסגעקומען אַדורכצוקוקן, נישט אָנגעטראָפֿן דעם מינ־דעסטן שפּור וואָס זאָל איבערדערציילן אויף וועלכן עס איז אופֿן, די געשיכטע פֿון דער קראַנקער ראַשעל, וואָס

(1) Maurice Lippman : Revue des Deux Mondes. 1er août 1924, page 574.

שפּילט זיך מיט גאָלדשטיקלעך אין איר בעט; אָבער אין יאָר 1926, ווען עס איז דערשינען דאָס בוך „ראַשעל" פון לואי באַרטו, איז די דאָזיקע מעשה אויפגעכאַפּט און איבערגעדרוקט געוואָרן אין זייער פיל צייטונגען, ווי אַן אויסטערלישע סענסאַציע וועגן דער יידישקע ראַשעל ...

מאָרים ליפּמאַן דערציילט נישט ביי וואָס פּאַרא באַדינגונגען דער שרייבער איז אַרויסגעקומען מיט דער געשיכטע, אָבער צו קענען מיר אַלעקסאַנדער דיומאַ'ס רייד אָננעמען פאַר אַן אמת?

איך קאָן נישט גענוג גוט די פּערזענלעכקייט פון שרייבער; אַלץ וואָס איך האָב פון אים און וועגן אים געלייענט, האָט אין מיר ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק, דערוועקט אַ סך דרך ארץ צו זיין פּערזאָן און פונדעסטוועגן ...

אַזוי למשל, האָט דער זעלבער דיומאַ, דער זון, געפינענדיק זיך אַמאָל אין אַ גוטער שטימונג, צווישן פריינד אין אַ רעסטאָראַן, קלויבנדיק זיך צו גיין אין דער אָפּערע, פּלוצים זיך באַרימט, אַז פון אַלע מענער וואָס פּלעגן אַרויפקומען צו ראַשעלן, איז ער געווען דער איינציקער וואָס האָט נישט געזוכט איר ליבע ...

איז עס נישט אַביסל צו שטאַרק רעקלאַמירטע, אייגענע באַשיידנקייט?

און אַז עס שטימט נישט זייער מיטן אמת, איז לייכט צו באַווייזן שוין דורך דעם אַליין, וואָס צווישן ראַשעלס באַזוכער האָבן זיך אויך געפינען זקנים ...

שוין צוליב דעם איז אַ ביסל איבערגעטריבן זיין דער־

קלערן, אַז ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט אין איר נישט געזוכט די פרוי.

ער האָט אָבער גלייכצייטיק אויך דערציילט, אַז ער איז ראַשעלן זייער געפעלן געוואָרן, אַזוי ווייט, אַז זי גופא האָט זיך אים פאָרגעלייגט, נאָר ער האָט זיך אָפּגע־זאָגט אָנצונעמען איר ליבע!

מיט וואָס האָט ער דערקלערט זיין אָפּזאָגן זיך אָנצו־נעמען איר ליבע־אָנבאָט?

צוליב דזשענטלמענישקייט!

לויט די רייד פון דיומאַ — דעם זון, איז עס געשען אין דער זעלבער צייט, ווען ראַשעל איז געווען די גע־ליבטע פון פרינץ נאַפּאָלעאָן, מיט וועמען ער איז געווען באַפריינדעט; אין שייכות מיט דעם גרויסן דערפאָלג פון זיין פיעסע „לע דעמי ־ מאָנד" (אין יאָר 1855) האָט ראַשעל אויך צו מאָרגנס, אים באַזוכט אין זיין וווינונג אויף רי דע בולאָן און דאָרט זיך אים אָנגעבאָטן.

— ניין, — האָט ער איר דערקלערט — כ'האָב נישט קיין סיבה צו האַנדלען נישט פריינדלעך קעגן פרינץ נאַפּאָלעאָן.

— כ'וועל אים פאַרלאָזן, — זאָל ראַשעל אים האָבן געזאָגט.

— ס'איז דאָס זעלבע; נעמט אייך אַן אַנדערן גע־ליבטן, וועלכן כ'קאָן נישט. יענעם וועל איך פאַראַטן. 1)

איז ווי מיר זעען, דערשיינט פאַר אונדז דיומאַ — דער זון אַלס דזשענטלמען, אָבער אַז מען דערציילט פאַר דער וועלט אַזעלכע זאַכן וועגן אַ פרוי וואָס איטלעכער

(1) Jules Claretie : « Souvenirs du Dîner Bixio ». Paris 1924.

קען און האָט געקענט, איז דאָס געהאַנדלט ווי אַ דזשענ־טלמען ?

איך גלויב עס קוים !

בפרט אַז מיר געפינען צווישן זיינע געדאַנקען פאָלגנ־דיקע (דזשענטלמענישע) פּרעדיקונג :

„מענער האָבן אַמאָל דאָס רעכט צו זאָגן שלעכטס וועגן פרויען, נאָר קיינמאָל נישט, וועגן אַ פרוי".

יאָ, פּרעדיקן איז לייכט !

מיר האָבן אַפילו אַ רעכט שטאַרק צו צווייפלען אין דעם אמת פון זיינע רייד, אַז פון אַלע מענער וואָס פלעגן אַרויפקומען צו ראַשעלן, איז גראָד ער, געווען דער איינ־ציקער וואָס האָט אין איר נישט געזוכט די פרוי, ער דערציילט דאָך אַליין, אַז ער האָט געגעבן ראַשעלן אַן עצה, זיך צו נעמען אַן אַנדערן געליבטן, ווייל ער דאַן גרייט זיין דעם אַנדערן אָפּצונאַרן און ווערן איר גע־ליבטער ...

באמת, דעם דרך ארץ וואָס דיומאַ — דער זון, האָט ביי מיר דערוועקט ביז לעצטנס, דעם זעלבן דרך ארץ האָט ער מיט זיינע באַרימערישע רייד, צעטרעטן.

ווארם שוין דאָ, מוז געזאָגט ווערן, אַז דיומאַ, דער זון האָט ווייט, ווייט איבערגעכאַפּט די מאָס און זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ מיאוס'ן באַרימער און ליגנער, ווארם דער אמת איז גאַנץ ווייט פון זיינע רייד ; אין יאָר 1855 ווען עס איז פאָרגעקומען די פּרעמיערע פון „לע דעמי מאָנד" איז שוין ראַשעל געווען זייער קראַנק ; אַלע אירע נאָענטע האָבן עס געוווסט !

נאָך ראַשעלס קומען פון איר טורנע אין רוסלאַנד,



PHOTO B. N.

ראַשעל אין יאָר 1852
אײלבילד פֿון ש. מיללער

האָט זי באַנייט איר שפּילן. קלויבנדיק זיך בקרוב צו פאַרלאָזן דאָס טעאַטער, כדי פּרובירן זיך ערנסט היילן. אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם ראַשעלס אַ ביאָגראַף, וואַלענטינע טאָמסאָן :

„דאָס ווידעראויפטרעטן פון ראַשעלן אין חודש אויגוסט 1854 איז שוין געווען צום לעצטן מאָל, וואָרם אין דער צייט, ווייזט אויס, האָט זי שוין געהערט דעם טויט, וואָס וועט איר אין קור־צן צונעמען".

עס איז געגנוג צו לייענען די דראַמאַטישע שורות, וועלכע עס דערציילט ארסען הוסע, ווען נאָך אַ שווערע, צוליב אַ גאַנצע ריי סיבות, נישט געראָטענער פאָרשטע־לונג, האָט ראַשעל אַן אויסגעשעפּטע און אָן כוח, גע־וואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד אין איר לאָזשע, דורכן אריינ־שטעכן זיך אַ שער אין האַרצן, פון וואָס זי איז מיט נסים, אָפּגעהאַלטן געוואָרן דורך דעם דערציילער און ווען ער און זשיל זשאַנאַן, וואָס איז אויך דערביי געווען, האָבן פּרובירט איר דערנאָך באַרואיקן מיט שטילע, פריינדלעכע ווערטער, האָט ראַשעל, אַ וויינענדיקע, פּלו־צים אָפּגעדעקט איר אויסגעדאַרטע ברוסט און געזאָגט דורך טרערן :

— זעט איר דען נישט, אַז אַ טויטע ווײנט עס איצט!

די דאָזיקע טראַגישע סצענע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1854 !

אין יאַנואַר 1855, האָט ראַשעל אַ טובערקולאָז־קראַנ־קע, געשפּילט אירע לעצטע פאָרשטעלונגען און אין דעם זעלבן חודש פאַרלאָזט די פראַנצויזישע קאָמעדיע, כדי פּרובירן זיך ראַטעווען פון איר מצב. דערציילט דיומאַ,

אַז זי האָט זיך אים אין דעם יאָר, פאַרגעלייגט ... ווען זי איז שוין געווען ערב צוזאַמענברעכן.

זשיל קלאַרעטי דערציילט אויך, אַז לסוף פון דער באַרימעריי, האָט דיומאַ - דער זון, אויך איבערגעגעבן, אַז נאָכן אָפּזאָגן זיך אָנצונעמען ראַשעלס אָנבאָט, האָט די קינסטלערן אים געזאָגט:

— האָט מיט מיר חתונה!

אויף וואָס דיומאַ האָט איר ווויליונגלעריש געענטווערט:

— איך האָב נישט חתונה מיט מיינע אייגענע מעטרעסעס, ווילט איר איך זאָל חתונה האָבן מיט דער מעטרעסע פון אַן אַנדערן?

און אַז מיר טראַכטן וועגן דעם כאַראַקטער פון ראַשעלן, וואָס האָט געלייגט אַ געוואַלטיקן אַכט אויף זיך, נישט אויסצוזעען מיאוס, איז ווי גרויס עס זאָל נישט האָבן געווען איר סימפּאַטיע צו א. דיומאַ, דעם זון (און זי האָט פאַר אים טאַקע געהאַט אַ סך סימפּאַטיע) וואָלט זי אין איר שווער־קראַנקן מצב פון יאָר 1855, נישט דערגאַנגען דערצו, זיך אים אָנצוביטן, און אַוודאי נישט פאַרלייגן חתונה צו האָבן.

און וואָס אָנבאַלאַנגט דיומאַ'ס דערציילן, אַז „ער האָט נישט קיין סיבה צו האַנדלען נישט פריינדלעך קעגן פרינץ נאַפּאָלעאָן", הינקט אויך די מעשה אויף אַלע פיר, וואָרם אין 1855 איז די פאַרבינדונג צווישן ראַשעלן און דעם פרינץ שוין לאַנג געווען אַ געענדיקטע זאַך; עס האָט זיי נאָר פאַרבינדן אַ פריינדשאַפט־געפיל און נישט מער און אויך דאָס איז אין אירע קרייזן געווען אַלעמען גוט באַקאַנט און ראַשעל האָט דעריבער

אויך נישט געקאָנט זאָגן צו אונדזער העלד, אַז זי וועט צוליב אים „פאַרלאָזן דעם פּרינץ".

יאָ דער דזשענטלמען און מאָראַליסט אַלעקסאַנדער דיומאַ, דער זון, איז געווען אַ ווײַסטער באַרימער און ליגנער.

ס'איז מערקווירדיק אינטערעסאַנט, וואָס סײַ די רייד פון אַלעקסאַנדער דיומאַ, דער זון, וועגן ראַשעלס אַנ־ביטן זיך, אַרויסגעבראַנגט דורך זשיל קלאַרעטי און סײַ די נאָטיצן פון מאָרים ליפּמאַן, וועגן דעם גאָלד אין ראַשעלס בעט, מיט וועלכן די קראַנקע קינסטלערין שפּילט זיך, אַז אָט די בײדע, פון פאַרשידענע זײַטן אַרויסגע־פירטע זכרונות, זענען דערשינען אין זעלבן יאָר. עס איז אַלזאָ נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס בוך פון קלאַרעטי האָט פאַראורזאַכט דאָס אַרויסברענגען די בלעטלעך פון מאָרים ליפּמאַן, וואָס זענען דערשינען אַן וועלכע ס'איז קאָמענטאַרן מצד דער „רעווי דע דעי מאָנד" און עס פרעגט זיך:

ווי קומט עס אַז די נאָטיצן פון מאָרים ליפּמאַן, זע־נען אַרויסגעבראַנגט געוואָרן ערשט פערציק יאָר נאָך דעם ווי זיי זענען אָנגעשריבן געוואָרן (אויב עס איז נאָר אמת, אַז זיי זענען אָנגעשריבן געוואָרן!) ווער האָט געהאַט דעם אינטערעס זיי אויפצוהאַלטן און ווער, דעם אינטערעס זיי צו לאָזן פאַרעפנטלעכן?

ווער איז געשטאַנען הינטער די נאָטיצן פון מאָרים ליפּמאַן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ווי אַ קאָמ־פּלעטירונג צו אַלעקסאַנדער דיומאַ'ס רייד, אַרויס־געברענגט דורך זשיל קלאַרעטי?

און מיר האָבן דאָס רעכט אויך צו צווייפלען בכלל אין אמת פון דער אויסטערלישער געשיכטע וועגן דער קראַנ־קער ראַשעל, וואָס שפּילט זיך מיט די גאָלדענע מטבע־ות וועלכע זי האַלט ביי זיך אין בעט און וואָס זי דער־קלערט „אַז דאָס מאַכט איר גוט".

ווער ווייס ווי עס האָבן אין דער אמתן אויסגעזעען די באַציאונגען צווישן דיומאַ־דעם זון און ראַשעלן, ווער ווייס די אמתע סיבות וואָס האָבן אים דערפירט אַרויסצוקומען מיט די אַלע מעשיות?

איז עס דען מעגלעך אַז נאָכן אָפּשטויסן ראַשעלן, נאָכן נישט אָננעמען איר ליבע, האָט ער נאָך געקאָנט בלייבן איר פריינד און אַרויפקומען צו איר אין שטוב אַריין?

ס'איז נישט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער פרוי און זיכער נישט פון דער שטאָלצער ראַשעל, וואָס פלעגט פאָדערן „אַלץ אָדער גאָרנישט", זיך צו חברן מיט איי־נעם, וואָס האָט איר ליבע־אָנבאָט אָפּגעוואָרפן!

ניין, דער אמת מוז ליגן גאַנץ ערגעץ אַנדערש.

מיר ווייסן וואָס עס איז געשען צווישן ראַשעלן און אַלעקסאַנדער דיומאַ, דעם פאָטער, וואָס איז געווען איר גרויסער פריינד; דערנאָך אָנגעהויבן צושטיין צו איר מיט זיין ליבע און נאָכן ווערן אָפּגעשטויסן, געוואָרן איר פאַרביסענער שונא.

און ווי זאָגט עס אַ ווערטל, אַז „דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פוןביימעלע"...

אויב די מאַדאַם דיסאַן האָט קאָנסטאַטירט ביי ראַ־שעלן אַ „ירושה פון ווייטע זיידעס", האָבן מיר דאָך אַ רעכט צו גלויבן, אַז דיומאַ־דער זון, האָט געקאָנט

ירשענען פעאיקייטן און סענטימענטן כאָטש, פון דיומאַ, דעם פאָטער...

האָט טאַקע דיומאַ, דער זון, נישט געהאַט קיין סיבה צו טראָגן אַ בייז הארץ אויף ראַשעלן פאַר עפּעס אַ זינד, און פּונקט ווי זיין פאָטער, זיך פּרובירט נוקם זיין און אויב נישט ביים לעבן, איז נאָך איר טויט?

ראַשעל האָט געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון פיל דראַמאַטורגן, וואָס איטלעכער פון זיי האָט געוואָלט אַז זי זאָל אויספירן זיינע פּיעסן. פאַראַן אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן די קאָנפליקטן און פּראָצעסן אפילו מיט דראַמאַטורגן, ווייל זי האָט נישט אַקצעפּטירט, אָדער האָבנדיק יאָ אַקצעפּטירט, דערנאָך אָפּגעוואָרפן זייערע ווערק, ווייל זיי זענען איר נישט געפעלן; די פאַרגעשלאָגענע ראָלן האָבן נישט ענטשפּראָכן איר פּערסאָנאַליטעט, איר אינערלעכע וועלט, איר קינסטלערישע אינטואיציע און די דראַמאַטורגן האָבן איר נישט געקענט מוחל זיין אַזאַ זאַך; געוואָרן שווערע שונאים און געגראָבן הינטער איר, באַרעדט, פאַרשפּרייט בלבולים אויף איר חשבון, וואָס גייען ביז היינט צו טאָג אַרום אויף דער וועלט און ווערן דערציילט און איבערדערציילט נישט נאָר דורך קליינע שרייבער, נאָר אויך דורך שרייבער וואָס טראָגן דעם שיינעם נאָמען פון אַקאַדעמיקער, (וועגן דעם וועלן מיר נאָך רעדן) און איך האָב אַ טיפע איבערצייגונג אַז דער איידעלער לואי באַרטו איז געפאַלן אַ קרבן פון דיומאַ, דעם זוניס אַ בלבול!

האָט דיומאַ, דער זון גאָרנישט געהאַט וואָס פאַרצוּוואַרפן דער גרויסער קינסטלערן? עפּעס אַ סיבה פאַר־

וואָס צו טראָגן אויף איר אַ בייז האַרץ און זוכן, זאָל זיין אַ „דזשענטלמענישע" נקמה ?

עס איז זייער מעגלעך אַז דיומאַ'ס געשיכטע וועגן ראַשעלס אָנביטן זיך, איז אין דער אמתן געווען פּונקט פאַרקערט, ווי ער האָט עס דערציילט און אַז ער האָט געליטן אַ פיאַסקאָ, און זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פאַר־דרוס אויף דער קינסטלערן ; איך גלויב אָבער אַז ער האָט געהאַט אויך אַן אַנדערע סיבה, וואָס האָט גורם געווען ער זאָל טראָגן אויף איר אַ בייז האַרץ :

אַנדרע מאַרעל, אין זיין בוך „די דריי דיומאַ'ס" דער־ציילט וועגן די צרות וואָס דיומאַ, דער זון האָט געהאַט ביים זוכן אַ טעאַטער וואָס זאָל אויספירן זיין ערשטע פיעסע „די קאַמעליען דאַמע" ; ר'האָט אויף קיין פאַל נישט געקאָנט געפינען קיין אויספירער פאַר דעם ווערק און נאָכן אויסרעכענען אַ ריי נישט געלונגענע פּרובן, לייענען מיר :

„דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ לייענונג ביי דעי־זשאַזע אָבער אָן רעזולטאַט. עס איז אַרויסגע־קומען אַ פּראָיעקט צו לייענען דאָס ווערק ביי ראַשעלן, וואָס איז אָבער צונישט געוואָרן, ווייל ראַשעל האָט אין דעם אָוונט פון דער ראַנדעווו, גאָר געהאַט אַ פאַרלאַנג צו גיין שפּילן אין לאָטאָ ! און דיומאַ, דער זון, זייער אַ דערשלאָגענער, האָט אָפּגעשטאַט אַ מעלאַנכאָלישן וויזיט אויפן קבר פון מאַרי דיפּלעסים (די קאַמעליען דאַמע) און פון דאָרט, האָט ער זיך פאַרמאַכט ביי זיך און געוויינט " 1).

(1) André Maurel : Les Trois Dumas. Paris 1896.

ראשעל איז אויך געווען צווישן די וואָס האָבן צו־ נישט געמאַכט זיין פּרובע אויסצופירן זיין פּיעסע און זי האָט אַפילו געלאָזט פאַלן זיין דזשענטלמענישע גע־ זעלשאַפט, צוליב שפּילן אַ פּאַרטיע אין לאָטאָ... אַזאַ גרינגשעצונג איז נישט אַזוי לייכט אַראָפּצושלינגען!

דיומאַ,דער פאָטער, האָט אין זיין שנאה צו ראַשעלן פאַרן אָפּשטויסן זיין ליבע, לאַנג געגראָבן און אינטרי־ גירט קעגן איר. דיומאַ, דער זון, דער דראַמאַטורג, האָט ווייזט אויס געהאַט פאַר דער קינסטלערן די זעלבע גע־ פילן פון פאַרביטערונג, וואָס האָבן אים לסוף אַרויפ־ געפירט אויפן וועג פון באַרעדן איר און צו דער מאַסע ליגנס, צוגעטראָגן אויך זיין חלק, דורך דעם נישט זייער שיינעם דערציילן וועגן איר פאַרשלאָגן - זיך און לסוף אויסגעטראַכט די שוידערלעכע מעשה וועגן איר בעט פיל מיט גאָלד, מיט וועלכן ראַשעל שפּילט זיך, ווייל „עס מאַכט איר גוט".

זאָל זשע דאָ געזאָגט ווערן, אַז דיומאַ, דער זון, איז נישט דער אמתער מחבר פון דער געשיכטע, נאָר אַז ער האָט צו דער גאָלד־געשיכטע אַ שותּף; פּונקט ווי זיין פאָטער, וואָס האָט כּסדר געהאַט אַ ליטעראַרישן געהילף, אַזוי האָט דיומאַ, דער זון געהאַט זיין אייגענעם אויגוסט מאַקע, ביי וועמען ער האָט גענומען די מעשה מיטן גאָלד און פּונקט ווי זיין פאָטער, זי באַאַרבעט אויף זיין אייגענעם שטייגער, אַריינפירנדיק זיך אַליין ווי אַן אַקטיווע פּערסאָנאַזש אין דער פּיעסע (אַזוי ווי ער פּלעגט עס בכלל טאָן אין אַנדערע זיינע פּיעסן) און פאַרטיק געמאַכט אַ נייעם שעדעוור, וואָס וועט לעבן לאַנג, ווייל עס איז אַ מיאוסע אַנטי־יידישע געשיכטע און די דרי־

מאנד־לייט וועלן שוין דאָס שטיק עקספּלואַטירן ביי יעדער געלעגנהייט.

דער אמתער מחבר פון דער מעשה ביי וועמען דיומאַ דער זון האָט זי גענומען און זי פּלאַגירט, הייסט אייזשען דע מירעקור, דער מחבר פון אַ קליין ביכעלע א. נ. „ראַ־שעל", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1854, ד. ה. נאָך ביים לעבן פון דער קינסטלערן.

דאָס איז געווען אַ מיאוסער פּאַמפלעט פּיל מיט שנאה צו איר ווי צו יידן בכלל, אויסגעפילט מיט ליגנט און נישט געשטויגענע מעשיות וועגן ראַשעלן. אַזעלכע פּאַמפלעטן קעגן ראַשעלן זענען געווען אַ סך און ווען זי וואָלט געוואָלט רעאַגירן אויף זיי, וואָלט זי גדאַרפן איבערייסן איר אַרטיסטישע קאַריערע, פאַרלאָזן אַלץ און אַלעמען און בכלל, ווינען אין געריכט ...

נאָכן דערציילן אין דער בראָשור, אַז דער גאַנצער זין פון ראַשעלס לעבן איז געווען גאָלד, נאָר גאָלד, אַז מחוץ דעם זעט זי גאָרנישט פאַר זיך, לייענען מיר פּלו־צים, פאָלגנדיקע געשיכטע:

„אומגעפער מיט אכצן חדשים צוריק (ד. ה. אין יאָר 1852 - 1853) האָבן די דאָקטוירים פעסטגעשטעלט ביי איר אַ דערשלאָגנהייט: זיי האָבן געזוכט פאַר איר אַ מין דיסטראַקציע־רפואה; מיט איין וואָרט, עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל איר אַרויספירן פון דער אַלגעמיינער אָפּגעשוואַכטקייט אין וועלכער זי האָט זיך געפינען; יעדע אָנשטרענ־גונג, אַלע פּרובעס זענען אָבער געבליבן אָן רע־זולטאַט.

פעליקס דער פּאָטער האָט דעמאָלט געהאַט אַ ווונדערבאַרן איינפאַל: ער האָט אַריינגעבראַנגט דאָס קעסטל מיט גאָלד און צירונג. מען האָט אַוועקגעשטעלט פאַר ראַשעלן דאָס אָפענע קעסטל; זי האָט אין דעם שנעל אַריינגעטאָן אירע הענט. אירע ליפּן האָבן זיך צעעפנט און געציטערט פון פאַרגעניגן; אירע אויגן האָבן אויפגעלעבט; אירע באַקן האָבן באַקומען קאָלירן. זי האָט גע־לאָזט שפּילן צווישן אירע פינגער די גאָלדענע מטבעות. זי האָט געטאַפּט די בראַסלעטן, די רינ־גען, די קאָליעס; זי שמייכלט צו דעם פינקלען פון די קאָסטבאַרע שטיינער. דאָס געפיל פון ווייבלעכע קאָקעטעריע, געפינט דאָ אויך אַ ביסל פאַרגעניגן; אָבער די יידישקע, די יידישקע איז אין הימל.

די דאָקטוירים האָבן ביי יעדן נייעם אָנפאַל פון דער קראַנקהייט, באַנייט דאָס ווונדערבאַרע מיטל און ראַשעל איז געזונט געוואָרן".

אין דער דאָזיקער ווילדער מעשה, פעלט נאָר די פאַר־זיכערונג פון מחבר אייזשען דע מירעקור, אַז ער איז דערביי אַליין געווען און עס צוגעזען מיט זיינע אייגענע אויגן, דאַן וואָלט שוין אַלץ געווען גוט... אויב אָבער דער משוגענער (איך האָב לײדער נישט פאַר דעם מענ־טשן קיין אַנדערן אויסדרוק) האָט נישט געקאָנט אָנגעבן, אַז ער איז געווען אָנוועזנד ביי דער ווילדער געשיכטע, האָט שוין דיומאַ, דער זון, זיך גופא, יאָ אַריינגעשטעלט אין דער פּיעסע און דערציילט די אויסטערלישע מעשה,

וועלכע ער האָט הייסט עס צוגעזען מיט זיינע אייגענע אויגן ...

נישט סתם אין דער וועלט, שרייבט וועגן אים אַ גרויסע פראַנצויזישע ענציקלאָפעדיע, אַז „ער רוקט זיך אַלעמאָל אַרויס אויבן אָן און כאַפּט איבער די מאָס" 1) און דע גראַנזש, אין זיין „געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור" אַז „די פּיעסן פון דיומאַ - דעם זון, האָבן אַרויסגערופן מער סקאַנדאַלן ווי אַפּלאָדיסמענטן 2)

מירעקור האָט פונקט ווי אויגוסט מאקע, נישט געהאַט קיין מזל; ביידע זענען זיי געבליבן אין שאָטן; דיומאַ דער פאָטער און דיומאַ, דער זון, דאָס איז שוין ליטעראַטור וואָס מען לייענט; זייערע נעמען זענען אָנגענומען און דער זון האָט פונקט ווי דער טאַטע, געקאָנט די קונץ פון איבערמאַכן און אויב דיומאַ דער פאָטער, האָט אין זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען, זיך גופא נישט געקאָנט אַריינשטעלן, האָט דיומאַ דער זון די פּריוויילעגיע, יאָ געהאַט ... און ער האָט געקאָנט דערציילן, אַז ער איז דערביי געווען ...

זאָל אויך דערציילט ווערן, אַז דיומאַ דער זון, האָט געהאַט אַ זייער ערנסטע סיבה צו קאָנען און לייענען די פּאַמפלעטן פון אייזשען דע מירעקור, שוין דערפאַר, וואָס דער לעצטער האָט אויך אָנגעשריבן אַזאַ פּאַמפלעט קעגן זיין אייגענעם טאַטן א. ג. „אַ פאַבריק פון ראָמאַנען, פירמע אַלעקסאַנדער דיומאַ און קאָמפּאַני" 3) א

(1) Nouveau Larousse I llustré.

(2) Ch. M. Des Granges : Histoire Illustrée de la Littérature Française. Paris 1916.

(3) L. Henry Lecomte : Alexandre Dumas. Paris 1902.

בראָשורע וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל און צוליב וועלכער אייזשען דע מירעקור (זיין אמתער נאָמען איז געווען, אייזשען זשאַקאָ) איז פאַרמשפּט געוואָרן צו זעקס חדשים טורמע; אָבער נאָך פאַר דעם פּראָצעס, האָט אַלעקסאַנדער דיומאַ - דער זון, וואָס איז דאַן אַלט געווען, נישט קיין גאַנצע צוואַנציק יאָר, זיך געלאָפן אָננעמען דעם טאַטנס כבוד, אַרויסרופנדיק דעם פּאַמפלעטיסט אויף אַ דועל. 1)

יאָ, דיומאַ, דער זון האָט זייער גוט געקאָנט די „ווערק" פון אייזשען דע מירעקור און אויך זיין „ראַשעל" - פּאַמפלעט אין וועלכן ער האָט געלייענט די געשיכטע וועגן דער קראַנקער ראַשעל, וואָס שפּילט זיך מיטן גאָלד, וואָס מאַכט איר גוט.

און נישט נאָר וואָס לואי באַרטו איז געפאַלן אַ קרבן פון דעם דזשענטלמען און מאָראַליסט, נאָר דיומאַ - דער זון, האָט מיטן פּלאַגירן די מירעקור-געשיכטע, געהאַט אַזאַ דערפאָלג, אַז די מעשה וועגן דער קראַנקער ראַשעל וואָס שפּילט זיך מיט גאָלד, וואָס זי האַלט ביי זיך אין בעט, איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ סך צייטונגען אָן וועלכע עס איז קאָמענטאַרן, כדי דער עולם און די וועלט זאָלן וויסן וועגן דער שוידערלעכער געלט-ליבשאַפט פון יידן ...

דאָס טרויעריקסטע אין דעם אַלעם, איז אויך דאָס וואָס אַל. דיומאַ'ס האַנדלונג, זיין בלבול, איז נישט געמאַכט געוואָרן צוליב אַנטיסעמיטישע טעמים, וואָרם ער איז ווייט נישט געווען קיין יידן-פיינד; ס'איז גע-

---

(1) John Charpentier : La Maison Dumas et Cie. Historia N° 35.

ווען אַ רעזולטאַט פון אַ פּאַרדרוס־געפּיל אויף ראַשעלן און אפשר בלויז, דער רעזולטאַט פון אַ שוואַכקייט צו באַרימעריי, וואָס האָט אים דערפירט אָפּצוטאָן אַזאַ זאַך און אַרויסקומען מיט אַ געשיכטע וואָס איז אַ „טייערע מציאה" אין די הענט פון אַלע שונאי־ציון.

און אַז די דיומאַ־מעשה איז אַ ליגן, אַן אומדערהערטע פאַלסיפיקאַציע, איבערצייגט אונז אויך די געשיכטע וואָס עס דערציילט ראַשעלס אַ נאָענטער פריינד א. פ. מאַנ־טעל, אַ מחבר פון אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן דער קינסטלערן :

אַ געוויסער דראַמאַטורג (מאַנטעל גיט אָן דעם נאָ־מען) האָט פאָרגעשלאָגן ראַשעלן אַ פּרעמיע פון צוואַנ־ציק טויזנט פראַנק, (דאָן אַ קאָלאָסאַלע סומע), אויב זי וועט מסכים זיין צו אינטערפּרעטירן פאַר אים זיינס אַ טראַגעדיע, וואָס איז שוין אַמאָל געשפּילט געוואָרן דורך אַן אַנדערער אַקטריסע און ראַשעל האָט אים געענטוועָרט דאָס אויב די פּיעסע איז אַ גוטע, וועט זי זי אינטערפּרע־טירן אָן ־ געלט און קוים איז זי שלעכט, וועט זי די פּיעסע נישט אויספירן פאַר קיין שום געלט.

ווי אינטערעסאַנט !

זעען מיר גאָר ראַשעלן וואָס זאָגט זיך אָפּ פון געלט, פון אַ סך געלט, פון אַ גאַנצן אוצר !

האַרמאָנירט עס, שטימט עס בכלל מיט דער באַשול־דיקונג אין קאַרגשאַפט ? קען מען ביי קאַרגע און געלט־גייציקע, אָנטרעפן אַזאַ האַנדלונג ? ווייזט דאָס נישט אויף אַזאַ שיינעם אופן, אַז די באַהויפּטונג וועגן איר קאַרגשאַפט, און געלט־גייציג זענען פאַלש, שווידערלעך פאַלש ?

אגב, שרייבט דער זעלבער א. פ. מאנטעל אין זיינע זכרונות וועגן ראשעלן אז „זי האָט ליב געהאַט געלט. דאָס איינגאַנצן. זי האָט עס נישט געזאַמלט אויף קיין מיאוסן אופן".

און אַז מען טראַכט וועגן אירע טעג פון אַ גאַסן־זינגערין, וואָס האָט געדאַרפט אויסציִען איר האַנט צו די פאַרבייגייער, וועגן איר כסדרדיקע אָרעמקייט ביז צו איר דערפאָלג אין טעאַטער, וואָס האָט ווי אין אַ כישוף, אין געציילטע טעג נאָר, איבערגעביטן איר מצב, דאַרפן מיר קענען פאַרשטיין איר געפיל פון וואַרפן זיך אויף דעם גאָלדענעם רעגן און שאַרן ... און שאַרן ...

דער נאָר וואָס דערציילטער פאַל פון ראַשעלס אָפּזאָגן זיך פון אַזאַ ריזיקער סומע, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט צוואַנציק טויזנט פראַנק, איז פון גע־וואַלטיקער וויכטיקייט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון ראַ־שעלן קעגן די אַלע מעשיות וואָס די נישט פאַרגינערס און יידן־פיינט, האָבן פאַרשפּרייט אַרום איר.

לואי באַרטו אַרומרעדנדיק די טענות און פאָרווורפן אויף ראַשעל'ס חשבון, פאַרטיידיקט איר קעגן די אָנ־פאַלן און באַשולדיקונגען אין געלט־ליבשאַפט, האַלטנ־דיק אַז מען מוז גאָרנישט דינען דער קונסט לשם שמים און ער פרעגט:

— איז זי די איינציקע אין דער יידישער און נישט־יידישער וועלט, וואָס וויל און האָט ליב געלט?

סוף 1840 איז ראַשעל צום ערשטן מאָל, אויפגעטרעטן אין אַ מאָדערנער דראַמע „מאַריאַ סטיואַרד" פון פּיער לעבראַן. זי האָט געהאַט אין דער פּיעסע אַ גרויסן דער־פאָלג, אָבער מבינים האָבן געהאַלטן, אַז ראַשעל האָט אין

דער קרעאַציע נישט דערגרייכט צו דער הויך אויף וועל־כער עס פלעגט אַרויפשטייגן אין דעם זעלבן ווערק, די מיט אייניקע יאָר פריער געשטאָרבענע טראַגיקערן, מאַד־מואַזעל דישענוא.

ראַשעל, וואָס האָט געזוכט צו דערגרייכן די פּער־פעקציע אין דער ראָל, האָט זיך צופעליק פונאַנדערגע־שמועסט מיט דעם ... לאָמפּן־צינדער פון טעאַטער וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין דער פראַנצויזישער קאָמע־דיע עטלעכע פעריציק יאָר; געווען אויך אַ מבין אויף טעאַטער־שפּיל און געדענקט אַ סך אַקטיאָרן וואָס פלעגן דאָ אויפטרעטן און אויך גוט געדענקט די פאַרשטאָר־בענע דישענוא און איר שפּילן אין „מאַריאַ סטיואַרד״. אין רעזולטאַט פון דאָזיקן שמועס האָט ראַשעל באַקו־מען פון טעאַטער־אַרבעטער אינטערעסאַנטע אויפקלע־רונגען וועגן דער שפּיל פון דער פאַרשטאָרבענער און „מאַריאַ סטיואַרד״ איז לסוף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טריאומף. מען האָט אָנערקענט, אַז ראַשעל איז ווייט איבערגעשטיגן די מאַדמואַזעל דישענוא.

אַלס דאַנקבאַרקייט צום... לאָמפּן־צינדער פאַר די אינטערעסאַנטע אָנווייזונגען, האָט זי אים געשענקט אַ שיינעם גאָלדענעם זייגער.

אַזוי האָט געהאַנדלט ראַשעל וועגן וועמענס שוידער־לעכע געלט־גייציקייט מיר האָבן פריער געלייענט ביי דער מאַדאַם דיסאַן.

ווי ווייט עס זענען פאַלש די אַלע באַשולדיקונ־גען, באַשטעטיקט אויך ארסען הוסע אין זיינע „זכרו־נות״ אין וועלכע ער דערציילט ביז גאָר אינטערעסאַנ־

טע זאַכן וועגן דער גוטער ראַשעל און וועגן איר אויס־ברענגערישקייט !

ער האָט אַמאָל בייגעוווינט אַ פּאַל, ווען אַ געוויסע פּירשטין איז געקומען צו ראַשעלן איר בעטן, זי זאָל מסכים זיין צו שפּילן איין אַקט אויף אַן אונטערנע־מונג לטובת אָרעמעלייט ; ראַשעל האָט געפרעגט ביי דער פּירשטין :

— וויפל רעכנט איר וועלן אייך צאָלן די סאַמע ברייטהאַרציקסטע ?

— צו פינף לואי, — (הונדערט פראַנק) האָט דער־קלערט די פירשטין.

— גוט, איך וועל אייך געבן 25 לואי און וועל מיך באַטייליקן אין דער פייערונג.

די מאַדאַם דיסאַן, וואָס האָט געשריבן, ווי מיר האָבן עס שוין פריער געזעען, אַז „דאָס גאַנצע גאָלד פון דער וועלט, וואָלט נאָך געלאָזט ראַשעלן גיריק צו איין צוואַנציק פראַנק־שטיק, וואָס וואָלט זיך איר גע־האַלטן ביים אַרויסגליטשן", זי האָט געלייענט און קאָן אַלץ וואָס ארסען הוסע האָט געשריבן און דערציילט וועגן ראַשעלן, אָבער כדי זיך צו קאָנען באַטייליקן אין די רכילותן אויף דער יידישקע ראַשעל, האָט (ווי מיר זעען עס) ארסען הוסע פאַר איר אויפגעהערט צו עק־זיסטירן ...

נאָך איינע אַן אויסברענגערישקייט, אַן אומגע־ריכט אימפּראָוויזירט נאַכטמאָל פאַר צוועלף פּערזאָן, אויף וועלכן זי האָט אויסגעגעבן אַ גאַר גרויסע געלט־סומע, שרייבט ער :

„מען דאַרף זיין ערלעך צו ראַשעלן. זי האָט קיינמאָל נישט גערעכנט וואָס עס קאָסט אַ מאָלצייט".

און אויף אַן אַנדער אָרט, אונטער דער ווירקונג פון דער באַרעדעריי אויף איר חשבון דרוקט ער זיך אויס:

„און וויפל מאָל איז די פרוי באַשולדיקט געוואָרן אין ליב האָבן געלט, בעת זי האָט אַזוי פיל געגעבן אָרעמעלייט, איר בייטל און איר לעבן".

עס דאַרף דעריבער דערציילט ווערן אַ גרוואַלטיק אינטערעסאַנטער פאַל:

אין עגיפטן זייענדיק, וווהין ראַשעל איז געפאָרן אין דער האָפענונג געהיילט צו ווערן פון איר שווערער קראַנקהייט, וואָס האָט אומגעפער, אַ יאָר שפעטער, אַ סוף געמאַכט צו איר לעבן, דערוויסט זי זיך, אַז אירס אַ פאַריזער פריינד, דער פאַרלעגער מישעל לעווי, האָט פאַרשפילט אַ שווערן געלט־פראָצעס.

זי האָט מורא אַז דער פאַרלוירענער משפט קאָן אים רואינירן; זי שרייבט אים אַ בריוו, אַז זי האָט פאַראָרדנט מען זאָל אים גלייך אויסצאָלן יעדע נויטיקע סומע, ווי גרויס זי זאָל נישט זיין און זי גיט אין איר בריוו צו, אַז ער וועט איר פאַרשאַפן עגמת נפש, וואָס ער וועט אָבער איינשפּאָרן אַ אָרעמער קראַנקער, אויב נויטיקנדיק זיך אין געלט,, וועט ער זיך ווענדן צו אַנדערע און נישט צו איר!

פאַראַן אַ סך מענטשן וואָס זענען פעאיק אויף אַזאַ זשעסט?

אפילו ביי גאָר גרויסע גבירים זעען מיר נישט אַזאַ האַנדלונג.

און דאָך האָט מען איר פאַרשריגן אַלס געלט־גייציקע און קאַרגע און די דאָזיקע מעשיות וועגן איר ווערן, ווי מיר האָבן עס שוין געזען, איבערגעחזרט אַפילו היינט צו טאָג.

אין שייכות מיט די בלבולים און באַרעדעריי אויף ראַשעלס חשבון, שרייבט אירס אַ צייט־מענטש:

„די דאָזיקע ווונדערלעכע און כישופּפולע פרוי, טיילמאָל אַזאַ מאָדנע, ס'רוב אַזאַ ליבלעכע, אַזוי פּרעכטיק אָרגאַניזירט, וועלכע מען האָט אויסער־געוויינלעך באַשמוצט, ווי מען באַשמוצט די אַלע וואָס שטייגן אַריבער דעם ניוואָ פון המון".

און ממש דאָס זעלבע דרוקט זיך אויס וועגן ראַשעלן, איר דאָקטאָר טאַמפּיעי, וועלכער שרייבט:

„מיר וייסן גאָרנישט, וואָס ראַשעל איז געווען אין איר פּריוואַט לעבן; זי איז אַרויפגעשטיגן צו הויך און ממילא נישט געקאָנט אויסמיידן דאָס דערוועקן קינאה און רכילות".

איך וועל ענדיקן מיט די ווערטער פון דעם שוין ציטירטן אַרסען הוסע וועגן ראַשעלן, אַז:

„זי זאָגט גאָרנישט אָפּ די וואָס זענען אָרעם אָבער אַקצעפּטירט אַלץ פון די וואָס זענען רייך".

III.

אויב אַ גאַנצע ריי האַנדלונגען ווערן איר פאַר־געוואָרפן ווי אַ רעזולטאַט פון איר יידישקייט, פעלערן וועלכע זי האָט איבערגענומען אַלס „יידישע ירושה", אַלס רעזולטאַט פון איר אָנגעהעריקייט צו דעם פאַר־האַסטן פאָלק, פון וועלכן זי האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן און פאַרבליבן ייד ביז צו איר טויט, איז עס נישט מער ווי רעכט זיך צו פרעגן:

אין וואָס איז באַשטאַנען ראַשעלס יידישקייט?

וואָס האָט זי געוווסט וועגן איר פאָלק און מיט וואָס האָט זי זיך געפילט צוגעבונדן צום גורל פון איר פאָלק?

וועגן דעם זענען פאַראַן ווייניק ידיעות.

דאָך האָב איך מיך באַמיט איינצוזאַמלען אַלץ וואָס עס איז מיר נאָר מעגלעך געווען, כדי פּרובירן מיר קלאָר מאַכן דעם יידישן סענטימענט אין דעם פענאָמען ראַשעל און טראָץ די מאָגערע ידיעות, האָבן געוויסע יידישע מאָמענטן אַ גאָר גרויסן אינטערעס און אין אַ געוויסער הינזיכט, גלויב איך מיך צו געפינען פאַר אַן אינטערעסאַנטער רעוועלאַציע, וואָס האָט ביז איצט, נישט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון איר ביאָגראַפן; די דאָזיקע רעוועלאַציע, דערציילט אַ סך, גאָר אַ סך, וועגן דער שטוב אין וועלכער ראַשעל איז געוואַקסן.

וועלן מיר קודם כל זיך אָפּשטעלן אין קורצע ווער־טער, וועגן ראַשעלס פֿאָטער יעקב פּעליקס און זעען ווי ווייט יידיש ער גופא איז געווען;

איז וואָס ווייסן מיר וועגן אים און זיין יידיש־קייט?

אויך זייער ווייניק.

איך האָב שוין דערמאָנט אַז ער איז געווען אַן אָרעמער וואַנדערנדיקער הענדלער וואָס האָט געשטופּט זיין וועגעלע פֿון אָרט צו אָרט, געליטן נויט מיט אַ פֿאַ־מיליע וואָס האָט זיך כסדר פֿאַרגרעסערט און אין רעזול־טאַט פֿון אָרעמקייט געווען געצווּוּנגען אַרומצושיקן זיינע קינדער ממש בעטלען און אַז ער האָט אויך פּרובירט צו פֿאַרדינען דורך געבן לעקציעס פֿון דייטש.

דאָס לעצטע ציט צו זיך די אויפֿמערקזאַמקייט; אַ מאַרק־הענדלער און אַ ...לערער פֿון דייטש!

מיר ווייסן אַז ער איז געווען אַ מעצער ייד; כ׳ווייס נישט צו דאָרט אַ געבוירענער, יעדנפֿאַלס האָט ער געשטאַמט פֿון דאָרט און די מעצער יידן, האָבן גערעדט יידיש און דאָס לשון פֿון יעקב פּעליקס איז געווען דאָס לשון פֿון דער גאַנצער פֿאַמיליע; אַלע קינ־דער און ממילא אויך ראַשעל, האָבן גערעדט יידיש, צו דעם וועלן מיר זיך אומקערן אַ ביסל וויטער; וועגן יידיש־לשון פֿון יעקב פּעליקס, שרייבט דער שוין דער־מאָנטער לואי באַרטו, וועלכער גיט אונדז גלייכצייטיק אויך, נאָך אייניקע ביז גאָר וויכטיקע ידיעות וועגן אים, וואָס העלפֿן שאַפֿן אַ בילד פֿון ראַשעלס פֿאָטער, אַט וואָס מיר לייענען ביי אים:

„כאָטש ער האָט גערעדט וויניקער פראַנצווי־זיש ווי עפּעס דאָרט אַן אומפּאַרשטענדלעכן דייטש, איז ער געווען פּעאיק צו פאַרשטיין דיכטונג. דעם ריטם און דעם זין פון ווערטער. ער האָט געגעבן זיינע קינדער לעקציעס פון דעקלאַמאַציע און פון געזאַנג״.

לואי באַרטו האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט דעם „אומפאַרשטענדלעכן דייטש״ פון ראַשעלס פאָטער, מיר אָבער ווייסן יאָ, פאַרוואָס דאָס לשון זיינס איז פאַר דעם אַקאַדעמיקער געווען אומפאַרשטענדלעך, אָבער פון די מאָגערע ידיעות וועלכע מיר באַקומען פון ראַשעלס ביאָגראַף, ווי אויך פון איר טעאַטער־דירעקטאָר ווערדעל און פון איר פריינד מאַנטעל א. א. ווייסן מיר אַז ער האָט גערעדט יידיש, געקאָנט (כ׳וויים נישט ווי ווייט) דייטש, גערעדט אַ ביסל פראַנצויזיש, (לויט ארסען הוסע, האָט ער דאָס לשון קוים געקאָנט) ; ער האָט זיך אויך פאַרשטאַנען אויף דיכטונג (און זיכער אויך געלייענט) געווען אַ ליבהאָבער פון ערנסטער מוזיק און אָפט באַ־זוכט די אָפּערע ; ער איז עס טאַקע געווען דער ערשטער לערער וואָס האָט (אמת, צוליב נויט) געלערנט זיינע קינדער שרה און ראַשעל דעקלאַמירן און זינגען און ווי ראַשעל האָט עס אין אירע טריאומף־יאָרן דערציילט, האָט דער פאָטער איר געפירט אין לוווּר אַריין און געצויגן איר אויפמערקזאַמקייט אויף באַשטימטע טראַגישע סיטו־אַציעס אין די בילדער פון דאַוויד.

איז ווי מיר זעען, האָבן מיר פאַר זיך אַ מענטש וואָס פּייניקט זיך אונטערן יאָך פון נויט, ווערט ווי מיר זאָגן עס אויסגעריסן, אָבער וואָס איז גלייכצייטיק אַ מענטש מיט קולטור און עסטעטישן חוש.

דאָס לעצטע האָט זיך אין דער פּולער מאָס געקענט אַדורכרייסן ערשט ביי זיינע קינדער, וואָס ווי כ'האָב עס שוין דערמאָנט, איז נישט נאָר ראַשעל, נאָר אַלע אירע שוועסטער זענען אויך געוואָרן אַקטריסעס, צוויי פון זיי, האָבן געשפּילט אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע; אַפילו דער איינציקער ברודער רפאל איז אַ חוץ אַן אַקטיאָר, אויך געווען אַ טעאַטער־דירעקטאָר און ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז יעקב פעליקס גופא, האָט אויך שפּעטער אַדמיניסטרירט אַ טעאַטער וואָס האָט זיך געפינען אין פּאַריזער פּאַסאַזש סאמאן; דאָס איז די היינטיקע רי באַשאַמאָן. דאָס טעאַטער האָט ער צום אָנדענק פון אַלטן „טעאַטער מאָליער" אין וועלכן ראַשעל האָט אַדורכגעמאַכט איר דראַמאַטישע שול, אָנגערופן מיט דעם זעלבן נאָמען. יעקב פעליקס איז געשטאָרבן אין יאָר 1872 אין עלטער פון 76 יאָר אין זיין וווינונג אויפן בולוואַר די טעמפּל נ. 25 דאָס „טעאַטער מאָליער" אין דער רי באַשאַמאָן, איז ליקווידירט געוואָרן אומגעפער אין יאָר 1880. 1)

ווי עס דערציילט דער שוין דערמאָנטער א. פּ. מאַנטעל איז אין דער שטוב פון דער פאַמיליע פעליקס נישט אָפּגעהיט געוואָרן קיין כשרות, וואָרם ער האָט ביי זיי אויף דעם טיש, געזעען מאכלים „וואָס יידן טאָרן

---

1) זשאַרזש ד'העילי, ראַשעלס אַ ביאָגראַף גיט אָן דעם נומער 15 פון בולוואַר די טעמפּלע אַלס די וווינונג פון יעקב פעליקס, אין וועלכער ער איז געשטאָרבן; איך בין אָבער גענייגט צו גלויבן אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות, וואָרם איך האָב געפינען אַ ציימונגס־אויסשניט, וואָס אינפאָרמירט וועגן זיין טויט און לאַדנט איין צו דער לויה; דאָרט ווערט אָנגעגעבן דאָס הויז נ. 25.

נישט עסן", ווייל איך פונדעסטוועגן אָנווייזן אויף אַ זייער אינטערעסאַנטן פאַקט, וואָס דערציילט, אַז טראָץ דער נישט אָפּגעהיטענער כשרות, איז אָבער דאָס יידישע באַוווסטזיין ביי ראַשעלס פאָטער, געווען שטאַרק ענט־וויקלט:

אַלפרעד דע מיסע אין זיין „אַ מאָלצייט ביי ראַ־שעלן" דערציילט ווי אַזוי זיין אינטערעסאַנט פאַרברענ־גען ביי זיי אין שטוב, ווען די נאָך אַזוי יונגע קינסט־לערן האָט פאַר אים געלייענט בלעטער פון ראַסין, וואָס האָבן אויף אים געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן, ממש איבעראַשנ־דיקן איינדרוק, איז געשטערט און איבערגעריסן געוואָרן דורך ראַשעלס פאָטער, וואָס איז אַ היימגעקומען פון דער אָפּערע און אָנגעזידלט די טאָכטער פאַר דעם אַזוי שפּעטן אויפזיין און איר געטריבן שלאָפן.

די אָפּערע פון וועלכער יעקב פעליקס איז אַהיימ־געקומען, איז נישט געווען סתם אַזוי אַ ספּעקטאַקל: דאָס איז געווען אַ פאָרשטעלונג פון אַ דרייפאַך יידישן כאַראַקטער: דאָס איז געווען האַלעווי'ס „לאַ זשוויוו" (די יידין): דער קאָמפּאָזיטאָר אַ ייד, דער סיוזשעט פון דער אָפּערע אַ יידישער און אין דער ראָל פון „די יידין" האָט דעביוטירט אַ יידישע זינגערן, מאַדמואַזעל נאַטאַן און יעקב פעליקס האָט אַזאַ זאַך נישט געקאָנט אַדורכ־לאָזן און געמוזט בייוווינען אַזאַ יידישן אָוונט.

אויף וויפל מיר וואָלטן וועלן זיין קלאָרער אין זיין יידישקייט, כדי צו האָבן אַ באַגריף צו האָט ער אַ חוץ זיין יידיש־לשון, אויך געזוכט אויף אַ וועלכן עס איז אַנדערן אופן צובינדן זיינע קינדער צום יידישן לעבן, וועל איך מיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַן אומגעהויער



א מאָלצייט ביי דער מ"ל ראָשעל

צייכענונג פון בידא, גראַווער פון מעניע.

PHOTO B. N.

וויכטיקן פאַל, וואָס איז ביז איצט אינגאַנצן נישט באַ־מערקט געוואָרן דורך די וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט דעם פענאָמען ראַשעל, כ׳מיין די אָנגעזאָגטע רעוועלאַציע:

ביים איבערגעבן די פּאָרנעמען פון ראַשעלס על־טערן און פון די קינדער, האָב איך אָנגעגעבן זייערע יידישע נעמען, וויל אַזוי זענען זיי, צוזאַמען מיט זייער גרויסער שוועסטער, אַריין אין דער געשיכטע; לאָמיר דאָ אַלע אויסרעכענען לויט דער ריי, עס איז זייער וויכטיק פאַר דעם נאָכקומענדיקן.

דאָס זענען געווען: שרה, רחל (ראַשעל), רפאל (דער איינציקער זון), רבקה, לאה און דינה.

אַז מיר באַטראַכטן די פולע ליסטע נעמען פון יעקב פעליקס קינדער, ווערן מיר אויפמערקזאַם אויף אַ מערקווירדיקע זאַך; מיר דערזעען דאָ אַלע נעמען פון די ווייבער פון אונזערע אבות: שרה, רבקה, רחל און לאה!

איז דאָס אַ צופאַל אָדער אַ באַוווסטזיניקער אַקט, מצד עלטערן אָדער מצד יעקב פעליקס׳ן צו געבן זיינע טעכטער נעמען פון די אבות? איז דאָס נישט קיין טיף אינטערעסאַנטער באַווייז פון אַ באַוווסטזיניקן יידישן פאָטער וואָס וויל אויפבויען אַ יידישע היים און וויל אַז זיינע קינדער זאָלן אויך זיין צוגעבונדן צום פאָלק?

אוודאי קען מען מיר אָנווייזן אַז עפעס שטימט דאָ נישט: אַז אויב די כונה פון יעקב פעליקס, איז געווען אַזאַ ווי איך ווייז עס אָן, איז טאַקע ריכטיק וואָס די ערשטע, עלטסטע טאָכטער האָט געהייסן שרה, אָבער די צווייט־געבוירענע, האָט דאָך געדאַרפט הייסן רבקה

און נישט רחל (ראשעל), היינט דער זון, דאָס דריטע קינד לויט דער ריי, וואָס פאַרא שייכות האָט דער נאָמען רפאל מיט די אבות ?

קאָן איך דערויף ענטווערן :

עס איז זייער מעגלעך אַז די נעמען פון די דריי ערשטע עלטסטע קינדער, זענען געגעבן געוואָרן נאָך געשטאָרבענע אין דער משפחה טאַטע־מאַמע א. א׳ וו. אָבער דערנאָך, אַז עס זענען צוגעקומען קינדער, און טעכטער דערצו, האָט מען שוין באַוווסטזיניק קאָמפּלע־טירט זייערע נעמען לויט דעם חומש און וואָס עס איז ביז גאָר אינטערעסאַנט, איז דער פאַקט, אַז די לעצטע, די סאַמע יונגסטע, האָט מען שוין אַ נאָמען געטאָן דינה, וואָרם דער נאָמען קומט גלייך נאָך די ערשטע פיר : דינה איז דאָך געווען די איינציקע טאָכטער פון יעקב׳ן און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז דער קאָפּ פון דער משפחה פעליקס, האָט אויך געהייסן יעקב !...

אַוודאי קען דאָס אויבן אויסגעפירטע אויסזען ווי עפּעס אַ שפּיל, אָבער איך בין ווייט, זייער ווייט דערפון. דער מערקווירדיקער צוזאַמענשטעל פון די נעמען פון יעקב פעליקס טעכטער, שליסט אויס אין מיינע אויגן די צופעליקייט און גיט אַ געוויסן וויכטיקן שליסל צו פאַר־שטיין די יידישקייט פון ראַשעלס היים.

וואָס מען זאָל נישט טראַכטן וועגן מיין אָנווייַ־זונג אויף דער נישט צופעליקייט פון די נעמען פון יעקב פעליקס טעכטער, מוז מען אָבער מסכים זיין אַז אין דער פאַמיליע, זענען אַלע געווען באַוווסט, וועגן דעם ביבלישן צוזאַמענשטעל פון די טעכטערס נעמען : מען האָט דאָרט זיכער ביי פיל געלעגנהייטן גערעדט

וועגן דעם, זיך אפשר אמוזירט אויף דעם געביט; מיט איין וואָרט, די טעכטער האָבן געוווסט פון וואַנען עס נעמען זיך זייערע נעמען און שוין פון דעם אליין, עפּעס געוווסט וועגן חומש און אפשר האָבן זיי געוווסט אַ סך מער ווי עס איז צו אונדז דערגאַנגען?

אַזוי למשל דערוויסן מיר זיך פון ארסען הוסע, אַז ווען די קליינע ראַשעל איז אָנגעקומען אין דער דראַ־מאַטישער שול פון סען אלער, זי איז דעמאָלט אַלט גע־ווען אין דרייצנטן יאָר, האָט ער איר געפרעגט:

— מיין קינד, וואָס פאַראַ ביכער לייענסטו?

— די ביבל, האָט ראַשעל געענטוועדט.

— אָבער דו פאַרשטייסט עפּעס?

—כמעט ווי נישט. כ׳האָב געלייענט די גע־שיכטע פון יעקב׳ן, רחל׳ען און לאה, וואָס זענען געווען געבענטשט פון גאָט; כ׳האָב געלייענט אַז זיי האָבן געהאַט קינדער אַדאַנק זייערע דינסטער, וואָס זעט מיר אויס צו זיין זייער באַקוועם.

דאָס איז די ערשטע און איינציקע אָנווייזונג, אַז שוין אַזוי יונג, האָט ראַשעל אַריינגעקוקט אין חומש און אַרויסגעדרינגען דעם פיינעם וויץ פון באַקוועמלעכקייט צו האָבן קינדער דורך די דינסטער...

יעדנפאַלס, סען אלער האָט איר געראָטן, נישט צו לייענען מער דעם אַלטן, נאָר דעם נייעם טעסטאַמענט...

און אַז ראַשעל פלעגט שפּעטער זיך פאַרטיפן פון ציט צו צייט איבערן חומש און פון דאָרט עפּעס אַרויס־גענומען, עפּעס אַרויסגעלערנט, וועט מיר נאָך אויסקו־מען צו דערציילן.

אָבער איידער איך וועל אַריבערגיין צו אַ געוויסער האַנדלונג, ראַשעלס, מיט וועלכער זי האָט אויף אַ געוואַל־טיקן אופן מאַניפעסטירט איר יידישקייט, מוז איך מיך אומקערן צו דעם שוין דערמאָנטן פאַקט, אַז ראַשעל, די גרויסע טראַגיקערן פון דעם פראַנצויזישן טעאַטער, די לעגענדאַרע ראַשעל פאַר וועלכע די וועלט האָט זיך געבויגן, האָט גערעדט יידיש, וואָס איז אויך געווען איר מוטער שפּראַך.

אב. קאהאן, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון ניו יאָרקער „פאָרווערטס" און מחבר פון בוך „ראַשעל" 1) דערמאָנט אויף אייניקע שטעלן, אַז די פאַמיליע פעליקס, האָט גערעדט דייטש:

פון וואַנען האָט ער עס גענומען?

כ'האָב דערפאַר נאָר איין און איינציקע דערקלע־רונג: ער האָט עס גענומען פון אַלפרעד דע מיסע'ס אָפּהאַנדלונג, „אַ מאָלצייט ביי ראַשעלן", אַ זייער וויכ־טיקע דערציילונג, וועגן וועלכער איך האָב שוין דער־מאָנט און וועגן וועלכער מיר וועט נאָך אויסקומען צו דערמאָנען אַ ביסל ווייטער.

גייענדיק אַ היים, אומגעפער נאָך צען אָוונט, פון אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, האָט ראַשעל געטראָפן אויף דער גאַס דעם דיכטער אַלפרעד דע מיסע און אים איינגע־לאַדן מיטצוקומען צו זיי אין שטוב אַריין. אין שטוב זייענדיק, האָט זיך ראַשעל געכאַפּט אַז זי האָט פאַר־געסן איר צירונג אין טעאַטער און אָוועקגעשיקט די

---

1) אב. קאהאן: „ראַשעל". ניו יאָרק, 1938. דאָס ווערק איז ביז היינט צו טאָג, דאָס איינציקע בוך אין יידיש, וועגן דער קינסטלערן.

דינסט, ברענגען די פאַרגעסענע חפצים. ראשעל האָט זיך געשטעלט גרייטן דאָס עסן, דאָ האָט זיך אָבער ארויס־געוויזן אַז די דינסט האָט מיטגענומען מיט זיך די שלי־סעלעך פון דער שאַנק, ווו עס זענען געווען פאַרשלאָסן די זילבערנע גאָפּל־מעסער, וואָס ראשעל האָט מיט אַ שטיקל צייט פריער זיך איינגעקויפט. עס איז נישט גע־ווען קיין אַנדערע ברירה ווי אַריינברענגען פון קיך די אַלטע ציינענע לעפל־גאָפל וואָס זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט פון פריער, ווען די פאַמיליע האָט געליטן נויט.

ראשעל הויבט אָן עסן און זעט אַז די שוועסטער שרה עסט נישט.

און אַלפרעד דע מיסע גיט איבער פאָלגנדיקן דיא־לאָג :

„ראשעל : — פאַרוואָס עסטו נישט ?

שרה : — איך קאָן נישט עסן מיט קיין ציינענע גאָפּלען.

ראשעל : — פון זינט איך האָב אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט און געקויפט זילבערנע לעפל און גאָפּל־מעסער קענסטו נישט עסן מיט די ציינענע ; אַז כ'וועל ווערן רייכער, וועסטו וועלן אַז איין דינער זאָל שטיין הינטער דיר און אַן אַנדערער פון פאַרנט. (ווייזנדיק אויף דעם ציינענעם לעפל וועלכן ראשעל האָט גע־האַלטן אין האַנט, האָט זי פאַרגעזעצט) איך וועל די ציינענע גאָפּל־לעפל קיינמאָל נישט אַוועקוואַרפן. מיר האָבן זיי גענוצט אַזוי לאַנג. נישט אמת, מאַמע ?

די מוטער : — ביסט נאָך געווען אַ קינד".

דער דאָזיקער שמועס, וועקט אויף אין ראשעלס

זכרון בילדער פון די פריערדיקע טעג און מיר לייענען ווייטער:

„ראשעל: — (צו מיר) וועט איר גלויבן, אַז ווען איך האָב געשפּילט אין טעאַטער־מאַליער, האָב איך פאַרמאָגט נאָר צוויי פּאָר זאָקן און יעדן פרימאָרגן...״

שרה וואָס האָט זיך שנעל צוגעוווינט צום זילבער און קאָן נישט זען אפילו דאָס צין פון יענע אַמאָליקע ביטערע צייטן, קאָן אויך נישט פאַרטראָגן די זכרונות פון יענע טעג און זי וויל נישט ראשעל זאָל פאָרזעצן איר דערציילן די געשיכטע מיט אירע צוויי פּאָר זאָקן: זי מישט זיך אריין אין שמועס און אַלפרעד דע מיסע שרייבט:

„דאָ האָט די שוועסטער שרה אָנגעהויבן עפּעס צו פּלוידערן אין דייטש, כדי שטערן איר שוועסטער דאָס פאָרזעצן״.

נישט וועלנדיק אַז דער דיכטער זאָל וויסן וואָס זי רעדט, איז איר נישט געבליבן קיין אַנדערע עצה, ווי רעדן אויף אַ לשון וואָס דער גאַסט פאַרשטייט נישט; דער גאַסט האָט אָבער געהערט ווערטער וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר דייטש און ער האָט אין זיין דערציילונג, געשריבן וועגן „עפּעס.אַ פּלוידעריי אין דייטש״.

אָבער ווען ראשעל גייט אָן מיט איר דערציילן, ווי אַזוי זי האָט יעדן טאָג געמוזט וואַשן איין פּאָר זאָקן וואָס האָבן זיך געטריקנט, „רייטנדיק״ אויף אַ שטול און די שוועסטער „מורמלט ווידער אין דייטש״ זוכנדיק צו ווירקן אויף אויפצוהערן מיט די זכרונות מיט וועלכע זי שעמט זיך, רעגט זיך שוין ראשעל אויף און גיט אַ געשריי:

— „רעד דאָ נישט קיין דייטש! ס'איז נישטאָ זיך מיט וואָס צו שעמען" א. א. וו.

דערויף האָט זיך אַן ספק באַזירט אב. קאהאַן, שרייבנדיק אַז די פאַמיליע פעליקס האָט גערעדט דייטש.

איך בין טיף איבערצייגט אַז טראָץ ראַשעלס אויסרופן „רעד דאָ נישט קיין דייטש", האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן יידיש און ראַשעלס אויסרוף דאַרף ענדער פאַרשטאַנען ווערן אַלס רוף צו דער שוועסטער נישט צו רעדן אויף קיין פרעמדן לשון.

איך וויים נישט צי אַלפרעד דע מיסע האָט געקאָנט און אויב יאָ, ווי וווייט ער האָט געקאָנט דייטש, קוים אָבער האָט ער דאָס לשון געקאָנט, איז זייער אינטערעסאַנט זיין באַמערקן, אַז שרה האָט זיך באַנוצט „מיט אַ פלוידעריי" אין דייטש!

דאָס איז געווען (ווי כ'האָב שוין פריער אָנגעוויזן) לויט לואי באַרטו, אַן „אומפאַרשטענדלעך דייטש", וואָס איז געווען דאָס לשון פון דער גאַנצער שטוב; דאָס לשון וואָס יעקב פעליקס האָט געבראַנגט פון מעץ און די מוטער אסתר חיה פון בעהמען. ס'איז גאַנץ מעגלעך אַז אין יידיש-לשון פון די מעצער יידן, זאָל זיך האָבן אָפּגעפּילט אַ שטאַרקערער איינפלוס פון דייטש, פונקט ווי מיר האָבן געזעען דעם זעלבן איינפלוס, ביי פוילישע יידן וואָס האָבן געוווינט אין שטעטלעך וואָס זענען געלעגן אַרום דער פרייסישער גרענעץ.

צו איז נישט אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז יעקב פעליקס, וואָס האָט געגעבן, ווי שוין דערמאָנט, לעקציעס פון דייטש, האָט אַליין גערעדט אויף „עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכן דייטש"? ער האָט גאַנץ וואַרשיינ־

לעך געקענט דייטש, אָבער גערעדט האָט ער יידיש. מען קען אפילו נישט אָננעמען דעם געדאַנק אַז יעקב פעליקס זאָל האָבן גערעדט מיטן עלזאַסיש־יידישן דיאַלעקט, וואָרם לוקאַ - דיברעטאַן, אַ פראַנצויזישער היסטאָריקער, וואָס האָט וואַרשיינלעך געקאָנט עפּעס און זיך פאַרשטאַנען אויף דעם עלזאַסער יידיש, וויים זיך אויסצודרוקן אַז ער האָט גערעדט „אַ מאָדנע יידיש" און אויף אַ צווייט אָרט פון זיין בוך, שרייבט ער שוין פשוט „יידיש" און ראבער לאַנע, דער אַנטיסעמיטישער מחבר פון בוך „פּי־גיר זשוויוו" וויים צו זאָגן און ער שטרייכט עס אַפילו אונטער, אַז די משפחה פעליקס, האָט גערעדט יידיש!

ס'דאַרף אויך דערמאָנט ווערן אַן אָפּהאַנדלונג פון פראַנסואַז דע בערנארדי געווידמעט ראשעלן אין וועל־כער זי שרייבט אַז:

„דער פאָטער פעליקס פאַרנאַכלעסיקט נישט די דערציאונג פון זיינע קינדער. אין אַ מאָדנער פלוידעריי, וואָס איז בכלל נישט קיין דייטש און וועט אויך קיינמאָל נישט זיין קיין פראַנצויזיש, גיט ער זיינע קינדער לעקציעס פון דעקלאַמאַציע און געזאַנג 1).

אַ שטיקל אויסנאַם איז די אָפּהאַנדלונג פון זשאַן מארי גאעלאָ ווי דער מחבר דערמאָנט, אַז די משפחה פעליקס האָט זיך באַנוצט מיט צוויי שפּראַכן, יידיש און דייטש. 2)

(1) Françoise de Bernardy : Une tragédienne mère d'un petit-fils de Napoléon. Historia N° 93.

(2) Jean-Marie Goelo : Rachel. « Constellation » N° 121.

ראשעל אין יאָר 1851
(גראַווויר פון ה. לעהמאַן)

PHOTO B. N.

עס וועט נישט זיין איבעריק צו ברענגען דאָ אייניקע שורות, וועלכע כ׳געפין אינעם אַרטיקל פון איזידאָר קאהען, געשריבן גלייך נאָך ראשעלס טויט, אין וועלכן מיר געפינען אַן אומדירעקטע אָנווייזונג אויף איר יידיש־לשון:

„אין דער ערשטער צייט פון איר זיין אין ליאָן פונקט ווי אין מאָליער־זאַל, האָט ראשעל געהאַט אַלע געוווינהייטן און אַלע נייגונגען פון יידישן כאַראַקטער און אַפילו געווען צוגעבונדן צו זייער כאַראַקטעריסטישער שפּראַך״ 1).

מיטן אַריינקומען אין דער דראַמאַטישער שול און דערנאָך אין דער קינסטלערישער וועלט און אין איר גאַנץ שפּעטערדיק לעבן, איז פאַרשטענדלעך אַז זי איז אַוועק אין דער סביבה פון דער פראַנצויזישער שפּראַך און קולטור, אָבער אין דער היים, מיט טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברודער איז פאַרבליבן זייער יידיש־לשון מיט וועלכן זי האָט געלעבט, געליטן און דערצויגן געוואָרן.

זאָל דאָ לסוף געברענגט ווערן אַ געשיכטע וואָס עס האָט דערציילט אַ געוויסער אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך אין אָוונט פון זיבעטן אַפּריל 1839 געפינען ביי קרעמיע אין שטוב און אומגעריכט זיך דאָרט צונויפגעטראָפן מיט דער אַכצן יעריקער ראשעל, וואָס האָט אָנגעהויבן טרייסלען מיט פאַריז און געוואָרן די סענסאַציע פון טאָג.

---

(3) Isidor Cohen : Rachel. Archives Israélites, février 1858, page 66.

עס האָט זיך דאָרט צונויפגענומען אַ גרויסע געזעל־שאַפט און אויך ראַשעל מיט איר מוטער.

איבעראַשט פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש מיט דער אַזוי באַרימט־געוואָרענער יונגער ראַשעל, האָט דער אַדוואָקאַט, אַהיימקומענדיק באַשריבן דעם אָוונט: דער דאָקומענט איז קאָנסערווירט געוואָרן ביז היינט צו טאָג און אָט וואָס מיר לייענען אין יענע שורות:

„זי איז זייער גראַציעז און איז בכלל אַן אַנ־גענעם קינד. אַלס פּרינצעסן פון דער טראַגעדיע, זענען אירע מאַנירן אַביסל צו איינפאַך, זי פאַר־מאָגט בכלל נישט קיין בילדונג און עס איז איר אַפילו נישט באַקאַנט די געשיכטע וואָס איז פאַר־בינדן מיט די פּיעסן וועלכע זי שפּילט אַזוי וואונדערבאַר.

„בעת׳ן מאָלצייט האָט זיך ראַשעל געקלאָגט אויפן טומל פון אירע חברטעס און דערנאָך אָנגע־הויבן שפּילן אין לאָטאָ (טערנישקע) אין וואָס זי האָט זיך שטאַרק אַריינגעטאָן און זיך געאַמ־פּערט מיט איר מוטער אין העברעאישן זשאַרגאָן, ביז יענע האָט איבערגעריסן די שפּיל...״

מיט אַנדערע ווערטער: זי האָט גערעדט דאָס לשון פון טאַטע־מאַמע; דאָס לשון פון זייער שטוב; ראַשעל האָט גערעדט אונדזער יידיש־לשון!

דער לייענער געדענקט זיכער, אַז ראַשעלס ערשטער לערער איז געווען דער דירעקטאָר שאראָן, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַן אינסטיטוט פאַר קריסטלעך־רעליגיע־זער מוזיק: ביים אַריינגעמען ראַשעלן אין זיין שול, האָט ער זיך אָבער געפינען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט,

צוליב איר יידישן נאָמען, מורא האָבנדיק אַז דאָס זאָל אים נישט שאַדענען אין די אויגן פון זיינע קאַטוילישע פּראָטעקטאָרן.

זעענדיק אַז איר יידישער נאָמען איז אַ שטערונג, האָט די יונגיטשקע ראַשעל, וואָס האָט אומבאַדינגט גע־וואָלט אָנגענומען ווערן אַלס שילערן, אים געזאָגט:

— איך היים אויך עליזע.

— אין אַ מזלדיקער שעה! — האָט שאַראַן אויס־געשריגן אַ דערפרייטער און אונטער דעם אַ „כשר'ן" נאָמען איר פאַרשריבן אַלס שילערן פון זיין שול. אונ־טער דעם זעלבן נאָמען, האָט זי זיך אויך געלערנט אין דער דראַמאַטישער שול, דערנאָך אין דער קאָנסערוואַ־טאָריע, ביז צום אַנגאַזשירט ווערן אין „זשימנאַז"־טעאַ־טער, ווי זי איז אויפגעטרעטן צום ערשטן מאָל אַלס ראַשעל.

דער דאָזיקער פאַקט, פון ראַשעלס פאָרשטעלן זיך פאַרן דירעקטאָר שאַראַן מיט איר יידישן נאָמען, באַ־וויזט אויף דעם סאַמע קלאָרסטן אופן, אַז פון קינדוויז אָן, פון איר היים ביי טאַטע־מאַמע, פונקט ווי זי האָט גערעדט יידיש, אַזוי האָט מען איר אויך גערופן מיט איר יידישן נאָמען!

ס'איז זייער וויכטיק דאָ צו דערציילן, אַז אין אַלע ראַשעלס בריוו, צו אירע שוועסטער און ברודער (די צאָל בריוו איז זייער גרויס) רופט זי זיי אַלעמאָל מיט זייערע יידישע נעמען און קיינמאָל נישט אַנדערש.

ביי דער געלעגנהייט, וועט נישט זיין איבעריק אָנ־צווייזן אויף אַן אינטערעסאַנטע סיבה, וואָס האָט באַ־

וויגן דעם „זשימנאז"־דירעקטאָר פוארסאן אָפּצושטעלן זיך אויף ראַשעלס יידישן נאָמען:

אויב שאַראַן האָט אויסגעמיטן דעם יידישן נאָמען ראַשעל, האָט פוארסאן אָפּגעוואָרפן איר נאָמען עליזע, ווייל ער האָט אין זיין טרופּע געהאַט אַן ארטיסטן מיט דעם זעלבן נאָמען און מיט פרייד זיך אָנגעכאַפּט אינעם נאָמען ראַשעל, ווייל דאָס איז געווען דער נאָמען פון דער ווייבלעכער הויפּט־ראָלע אין האַלעווי'ס אָפּערע „לאַ זשוויוו" (די יידין) וואָס איז געשפּילט געוואָרן מיט אַ גאָר גרויסן דערפאָלג זינד די לעצטע דריי יאָר און דער נאָמען ראַשעל איז געווען שטאַרק פּאָפּולער.

אַזוי אַרום, איז דער פּאַקטישער פּאַראַורזאַכער, אַז די גרעסטע טראַגיקערן זאָל באַרימט ווערן און זאָל אַריינגיין אין דער געשיכטע אונטער איר יידישן נאָמען, געווען דער דראַמאַטורג און ליברעטיסט סקריב, דורכן אָנרופן די הויפּט העלדין פון זיין ליברעטאָ „לאַ זשוויוו" מיטן נאָמען ראַשעל. 1)

אויף וויפל די פּערזענלעכקייט פון דער יונגער קינסטלערן ראַשעל האָט באַשעפטיקט דעם עולם, גע־צויגן צו זיך דעם געוואַלדיקן אינטערעס, האָט אין אַ געוויסן טאָג, זיך פאַרשפּרייט אַן עקשנותדיקער קלאַנג, אַז זי גייט זיך שמד'ן. דער קלאַנג האָט אָנגענומען גאָר אַן ערנסטן כאַראַקטער: איטלעכער כמעט, האָט וועגן

1) ס'איז נישט איבעריק דאָ צו דערציילן, אַז די אלמנה פון ראַשעלס פּראָפעסאָר סאַמסאַן ברענגט אין אירע זכרונות, אַז זי איז עס געווען די, וואָס האָט געראַטן דער יונגער עליזע פעליקס אָנצורופן זיך ראַשעל. ס'איז אָבער אָן ספק אַז זי האָט אַמווייניקסטן דאָ וואָס געהאַט צו זאָגן און צו ווירקן.

דעם גערעדט, געווען אפילו אזעלכע, וואָס האָבן פאַר־
זיכערט אַז זי איז שוין געשמדט.

וואָס איז געשען?

אין טעאַטער, אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע
האָט מען באַנייט די שוין לאַנג נישט געשפּילטע טראַ־
געדיע „פּאָליעקט" פון קאָרנעל, וואָס פירט אַריין די
צושויער אין די סאַמע פריסטע יאָרן פון אויפגייענדיקן
קריסטנטום, וואָס ווערט דורך די רוימישע געצנדינער
פאַרפאָלגט און די גלויביקע אומגעבראַכט.

אין דער דאָזיקער פּיעסע, האָט ראַשעל געשפּילט
די ראָלע פון אַ יונגער פרוי פּאַלין, וואָס איר מאַן, אַ
פריש־געוואָרענער קריסט ווערט אומגעברענגט און אין
אַ געוויסער סצענע (ביים סוף) דערקלערט זי זיך אַליין
אויך אַלס קריסטן און איז גרייט, פּונקט ווי איר אומ־
געברענגטער מאַן, אָפּצוגעבן איר לעבן פאַרן נייעם
גלויבן.

דער דאָזיקער מאָמענט געהערט צו די סאַמע פּאַ־
טעטישסטע אין דער פאָרשטעלונג און האָט פּראָוואָצירט
דעם פאַרעקשנטן קלאַנג וועגן ראַשעלס שמד; ראַשעלס
שפּיל אַלס די קריסטן פּאַלין, איר געוואַלטיקער פּאַטאָס
וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן אין דער ראָל, האָט געמוזט
דערוועקן די פראַגע פון איר יידישקייט, וואָרם אויב זי
קאָן אַרויסווייזן אַזוי פיל געהויבענעם געפיל צום קריס־
טנטום, איז דאָך נישט מעגלעך אַז דאָס זאָל זיין נאָר
אַ סצענישער ענין און... מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן
איר בקרובדיק שמדן זיך.

דער דאָזיקער ענין האָט געוואַלטיק אינטריגירט
דעם עולם און אין אַ געוויסן אָוונט, האָט געטראָפן, דאָס

איז געווען אין סאַלאָן פון דער באַרימטער מאַדאַם רע־קאַמיע, ווו עס האָט געקיניגט דער מחבר פון „דאָס גאונות פון קריסטנטום" דער שרייבער און דענקער שאַ־טאבריאַן, אַז צווישן די געסט זענען געווען אַנוועזנד גלייכצייטיק ראַשעל און דער אַרציבישאָף פון פּאַריז, וואָס איז צוליב זיין קירכלעכן ראַנג נישט געקומען אין טעאַטער אַריין און נאָך נישט געהאַט געזען די שפּיל פון ראַשעלן וועגן וועלכער ער האָט שוין אָבער געהערט אזוי פיל דערציילן.

לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, האָט דער אַרציבי־שאָף זיך נישט געפינען אויף דעם אָוונט צופעליק, נאָר איז עקסטערע אַראָפּגעבראַנגט געוואָרן, כדי זיך צו טרע־פן מיט דער קינסטלערן, וואָרם מען האָט געזוכט עס זאָל ווערן פונעם שידוך ...

אין אַזעלכע סאַלאָן־אָוונטן, פלעגט ראַשעל זייער אָפט געבעטן ווערן דורך דעם עולם צו ריציטירן עפּעס פון איר פּראָגראַם ; דאָס זעלבע איז אויך געשען דאָס מאָל און אַז ראַשעל האָט זיך געגרייט אָנהויבן איר רעציטאַציע און געזוכט אין זכרון וואָס פּאַרצוברענגען, האָט מען פון אַלע זייטן אָנגעהויבן בעטן די ראָל פון פּאלין ; מיט אַנדערע ווערטער, מען האָט געוואָלט זי זאָל אין אַרציבישאָפס קעגנוואַרט, רעציטירן איר ראָל פון דער באַקערטער צום קריסטנטום, פּערזן וואָס הויבן זיך אָן מיט די ווערטער :

„איך זע. איך ווייס, איך גלויב, כ'בין מער
נישט פאַרפּירט.
פון דעם געליטערטן בלוט, איצט זעסטו
מיך געטויפט.

כ׳בין ענדלעך אַ קריסטן: איז עס נישט
גענוג דיר געזאָגט?
דערהאַלט דורכן אומברענגען מיך, דיין פּנים
און דיין מאַכט!״ (1)

ראַשעל האָט דערזען אַז זי געפינט זיך פאַר אַ פאַרשווערונג; אַז מען זוכט איר פּראָוואָצירן צו זינגען אַ פּאַניגיריק דעם קריסטלעכן גלויבן און אַז דאָס דאַרף פאָרקומען אין דער קעגנוואַרט פון הויכן גייסטלעכן, וואָס זיצט דאָ און קוקט איר געשפּאַנט אין פּנים אַריין און ראַשעל, וואָס פלעגט גערן אַנטקעגנקומען די ביטעס און רעציטירן די ווערק וואָס מען פלעגט ביי איר בעטן, האָט זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן: נישט נאָר וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון, נישט נאָר וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו רעציטירן איר ראָל אַלס פאַלין, נאָר אנשטאָט אויסצוקלויבן עפּעס אַן אַנדערן, אַן „אומשולדיקן״ פראַגמענט, האָט זי להכעיס אַלעמען, רעציטירט „אסתר״ פון ראַסין און אַזוי אַרום מאַניפעסטירט איר יידישקייט און ווילן צו בלייבן אַ ייד.

ראַשעלס האַלטונג האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק אויף די אָנוועזנדיקע. נאָך דער רעציטאַציע, האָט מען איר צוגעפירט צום אַרציבישאָף, האָט זי גע־בעטן, אַביסל געבויגן, ער זאָל איר מוחל זיין איר האַנד־לונג און אים געזאָגט:

— מאָנסעניאָר, איך גלויב!

אַזוי האָט געהאַנדלט ראַשעל, ווען מען האָט איר

1) דער מחבר, וואָס איז אויך דער איבערזעצער פון די פיר געברענגטע שורות פון קאָרנעל האָט דער עיקר, דאָ געזוכט צו ברענגען אַ טעקסטועלע און נישט קיין קינסטלע־רישע איבערזעצונג.

צוגעדריקט צו דער וואַנט. זי איז געווען אַריינגעטאָן אין לעבן פון דער פראַנצויזישער קונסט־וועלט און פראַנצויזישן סאַלאָן; אויפגענומען דורך פרינצן פון גייסט און פרינצן פון מאַכט: געווען אָפט איינגעלאַדן צו קעניגן און באַקומען פון זיי פּרעכטיקע מתנות: זי האָט געהאַט ברייט אויפגעעפנט פאַר זיך די נישט יידישע וועלט, אָבער זי האָט זיך געפילט און געוואָלט בלייבן אַ ייד און ווי מיר האָבן עס געזען, געוווסט צו געבן איר שיינעם ענטוועך, וואָס איז געווען אַ זעלטענע מאַניפעסטאַציע פון איר יידישקייט.

עס איז אָבער פאַראַן אַ צווייטע ווערסיע וועגן איר וואונדערבאַרן אָפּזאָגן זיך פון רעציטירן די פערזן פון „פּאָליעקט" און דאָס פאַרבייטן זיי אויף אַ פראַגמענט פון „אסתר", וואָס קומט פון ראַשעלס אַן נאָענטן מענטשן, ד"ר ל. וועראָן און וואָס ווערט אויך אויסגענוצט דורך דעם שוין דערמאָנטן, אַנטיסעמיטישן ביאָגראַף ראַשעלס, ראָבער לאָנע און דאָ קומט איר האַנדלונג אַרויס אַ סך פּרעכטיקער און אינטערעסאַנטער ווי די נאָר וואָס דערציילטע.

אָט וואָס מיר דערוויסן זיך וועגן דעם אינטערעסאַנטן אָוונט:

ווען ראַשעל האָט געגרייט איר ראָל אַלס פאלין, האָט זי שוין רעציטירט פראַגמענטן פון דעם יוערק אינעם סאַלאָן פון דער מאַדאַם רעקאמיע; אַלע פריינד און אַריינקומער צו דער מאַדאַם רעקאָמיע זענען געווען פול מיט באַגייסטערונג פון ראַשעלס אופן דעקלאַמירן די קריסטלעכע פערזן און אַלע האָבן זיי אָנגעהויבן

גלויבן אז עס וועט זיי געלונגען די יונגע יידישע קינסט־לערן אריינצוברענגען אין דער קירכע און עס איז שוין אפילו געווען דעצידירט ווער עס וועלן זיין די אינטער־פירערס ביי דער שמד־צערעמאָניע. מען האָט זיך פאַר־שטענדיקט מיטן פּאַריזער אַרציבישאָף, ער זאָל קומען צו דער מאַדאַם רעקאַמיע אין זעלבן אָוונט, ווען ראַשעל וועט דאָרט זיין: איר רעציטירן די קריסטלעכע פערזן אַז „זי גלויבט" אין זיין קעגנוואַרט, וועט איר צו עפּעס בינדן...

עס האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט אַז דער אַרציבישאָף איז געקומען זייער שפּעט; גלויבנדיק אַז ער וועט שוין נישט קומען און נישט וועלנדיק פאַרלירן די געלעגנ־הייט צו הערן ראַשעלן, האָט מען איר געבעטן רעצי־טירן די פערזן פון פאַלין און ווען זי האָט שוין געהאַט געענדיקט, איז אָנגעקומען דער אַרציבישאָף.

עס איז געוואָרן אַ צערודערונג און מען האָט איר אָנ־געהויבן בעטן זי זאָל איבערחזרן די קריסטלעכע פערזן, אָבער ראַשעל האָט עס אויף קיין פאַל נישט געוואָלט טאָן, פאַרשטייענדיק ווונדערבאַר דעם כאַראַקטער וואָס איר איצטיק רעציטירן פאַרן הויכן גייסטלעכן וואָלט באַ־טייט. אַלע פּרובן אויף איר צו ווירקן, האָט זי מיט אַ שמייכל, עקשנותדיק אָפּגעוואָרפן, אָבער כדי נישט אויס־צוזען צופיל איינגעשפּאַרט, האָט זי זיך געוואָנדן צום הויכן גאַסט:

— מאָנסעניאָר, אויב איר ווילט, וועל איך פאַר אייך רעציטירן דאָס געבעט פון „אסתר"...

דער גייסטלעכער האָט אַראָפּגעשלינגען זיין אומצו־פרידנקייט און מסכים געווען. נאָכן רעציטערן, האָט דער

אַרציבישאָף איר געדאַנקט פאר דעם פאַרגעניגן, זאָגנ־דיק:

— מיר, גאָטס דינער, האָבן נישט אָפט דאָס פאַרגעניגן צו הערן גרויסע קינסטלער, דאָך האָב איך געהאַט צוויי מאָל דאָס מזל דערצו; אין פלאָרענץ, ווי כ'האָב אין אַ סאַלאָן געהערט זינגען די מאַליבראַן און אַ דאַנק דער מאַדאַם רעקאָמיע, האָב איך געקאָנט הערן אייך, — דאָ האָט דער גייסטלעכער מיט אַ ספּעציעלער כוונה, אַ זאָג געטאָן, צילנדיק אין אירע רעציטאַציעס פון "פּאַ־ליעקט" — כדי צו רעציטירן אַזוי פיין, אַזעלכע וווּנדער־באַרע פערזן, דאַרף מען דאָך אָפּפילן אַלץ וואָס זיי ענט־האַלטן אין זיך, נישט ריכטיק?....

ראַשעל, וואָס האָט וווּנדערבאַר פארשטאַנען זיין מיין, האָט געשפּילט די נאַאיווע ראָלע פון גלויבן, אַז די רייד, באַציען זיך צו איר לעצטער רעציטאַציע פון די אסתר־פערזן און אַראָפּלאָזנדיק די אויגן... האָט זי אים געענטוועדט מיט אַ זיכערקייט:

— מאָנסעניאָר, איך גלויב!

יאָ, אָבער ס'איז שוין נישט געווען דאָס צו וועלכן עס האָט געצילט דער הויכער גייסטלעכער...

און ווי מיר ווייסן עס, זענען אַלע אָנוועזנדיקע געווען אויסער זיך פון דעם טאַקט מיט וועלכן ראַשעל האָט זיך אַרויסגעוויקלט פון דער נעץ וועלכע איז געווען אָנגעגרייט.

עס בלייבט אונדז נאָר צו באַוווּנדערן איר גרויסן כוח, וועלכן זי האָט אַרויסגעוויזן יענעם אָוונט.

עס דאַרף דאָ אויך דערציילט ווערן אַז נאָך די ער־שטע חדשים פון אירע טריאומפן, האָט מען וועגן איר

אַנגעהויבן רעדן אז זי איז אַריבער צום קריסטנטום. שוין דאַן האָט ראַשעל אָנגעהויבן שפּילן „אסתּר״ (דעם 28־טן פעברואַר 1839) און זי האָט געזוכט אויף אַזאַ נישט דירעקטן אופן צו רעאַגירן אויף די קלאַנגען וועגן איר שמד.

ראָבער לאַנע דערציילט אַפילו אַז ראַשעל פלעגט אין די פּורים׳ס אויספירן „אסתּר״ אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע ביי זאַלן איבערגעפולטע דורך יום־טוב׳דיק אויסגעפוצטע יידן. כ׳בין אָבער נישט זייער זיכער אי־נעם אמת פון דער געשיכטע. ס׳איז גאָרנישט אויסגע־שלאָסן אז אַזאַ ספּעקטאַקל פון „אסתּר״ איז אַמאָל, צו־פעליק אויסגעפאַלן אין אַן אָוונט פון פּורים און דאָס איז שוין געווען גענוג עס זאָל געבוירן ווערן אויך די מעשה.

פאַל האגענאער, אַ יידישער מחבר אין זיין נאָר וואָס דערשינענע בוך „ראַשעל״, חזרט איבער די געשיכטע וועגן ראַשעלס אויספירן „אסתּר״ אין די פּורים׳ס פאַר אַ גרויסן יידישן יום טוב׳דיק אויסגעפוצטן עולם, וואָס פלעגט אויספילן דאָס טעאַטער; (1 ער גיט אָן אַז ער נעמט די מעשה פון לוקאַ־דיברעטאַן. דער לעצ־טער האָט אָבער געשעפּט אַ סך פון זיינע יידישע מעש־יות און אויך די מעשה פון די „אסתּר״־ספּעקטאַקלען אין די פּורים־אָוונטן, ביי... דעם שוין דערמאָנטן אַנטי־סעמיט לאַנע!

(1) Paul Hagenauer : Rachel. Paris 1958.

2) וואָס אָנבעלאַנגט פאָל האגענאוער׳ס אָנגעבן אַז ער האָט די געשיכטע וועגן ראַשעלס אויספירן „אסתּר״ אין די פּו־רים־אָוונטן גענומען ביים היסטאָריקער לוקאַ־דיברעטאַן, האָט ער דאָ זיכער געמאַכט אַ טעות. וואָרם דער לעצטער רעדט וועגן דעם אינגאַנצן נישט.

אַז די געשיכטע איז נישט אמת,איבערצייגט מיך דער פאַקט, וואָס אין די פּאַמפלעטן און בראָשורן פון שאַרל מאָריס „לאַ וועריטע ראַשעל" דערשינען אין יאָר 1853 און פון שוין דערמאָנטן דע מירעקור, דערשינען אין יאָר 1854 ד. ה. כמעט ביים סוף פון ראַשעלס אַרטיס־טישער קאַריערע, צוויי פון די סאַמע שווידערלעכסטע אויס־גאָבעס קעגן דער יידישקע ראַשעל און קעגן יידן בכלל. דאָרט איז מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט אַזאַ חט, אַזאַ האַנדלונג פון ראַשעלן...

און לסוף: ווען ראַשעל וואָלט טאַקע אויסגעפירט אין די פּורים־טעג, אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע, „אסתר", צו וואָלט עס מעגלעך געווען אַז אין „אוניווער איזראַעליט" (פעברואַר 1858) זאָל אין אַרטיקל, געווידמעט איר טויט, געשריבן ווערן:

„מיר האָבן איר ווייניק געקענט. ווייניק אָבסער־
וווירט בעת איר איבעראַשנדיקן אויפשטייג.
...וואָס אָנבלאַנגט איר פּערזאָן, געהערט זי צו
אונדזער קולט ווי אַ סך אַנדערע באַרימטהייטן
פון אונדזער ראַסע, בלויז דורך איר געבוירן
ווערן און איר טויט: אַ יידישע מוטער האָט איר
געבערענגט אויף דער וועלט און אַ יידיש קבר וואָס
האָט צוגענומען איר אַש..."

צו וואָלט מעגלעך געווען אַז אַ יידישע רעליגיעזע אויסגאַבע, זאָל שרייבן אַזעלכע שורות?

ניין, די מעשה מיט די „אסתר"־פאָרשטעלונגען אין די פּורים'ס איז נישט קיין אמתע.

ראַשעל האָט פאַרטיידיקט, שטאַרק פאַרטיידיקט איר יידישקייט, איר אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק און איר

ווילן צו בלייבן א ייד, אָבער זי איז נישט געווען די פּערזאָן פון אַזעלכע מאַניפעסטאַציעס. זי איז בכלל נישט געווען קיין קעמפּערן; איר וועלט איז געווען איר קונסט, די סצענע, טעאַטער־שפּיל און נישט מער.

כ׳ווייס נישט ווי גרויס ס׳איז געווען די צאָל יידן וואָס פלעגן באַזוכן די פראַנצויזישע קאָמעדיע אין די טעג פון ראַשעלס לעבן. זייער צאָל איז זיכער נישט געווען קיין גרויסע. אַזוי למשל איז באַוווּסט, אַז אין יאָר 1880 האָבן זיך אין פּאַריז געפינען סך הכל, פער־ציק טויזנט יידן; ווי גרויס האָט אַלזאָ געקענט זיין זייער צאָל מיט פערציק יאָר פריער, ווען ראַשעל איז אַרויסגעשווימען? פונדעסטוועגן האָט מען געהאַלטן אין איין שרייען אַז די יידן פאַרפלייצן דאָס טעאַטער, אַז זיי כאַפּן אויס אַלע פּלעצער... און די „איידללייט״ פלעגן זיך וויצלען און איראָניזירן אָנרופנדיק דאָס פראַנ־צויזישע טעאַטער „די סינאַגאָגע״, „מען גייט אין דער סינאַגאָגע״.

אָבער אַזוי איז עס שוין מיט אונדז: האַנדלען מיר, טויג עס נישט און מען וואַרפט אונדז פאָר אַז מיר פאַר־כאַפּן דעם מסחר; גייען מיר אין טעאַטער אַריין, טויג עס אויך נישט און מען וואַרפט אונדז פאָר אַז מיר פאַר־כאַפּן דאָס טעאַטער...

דער פריער איבערגעגעבענער פאַל פון פּרובירן ווירקן אויף ראַשעל׳ן אַריבערצוגיין צום קריסטנטום, איז ווייט נישט געבליבן קיין פאַראיינזאַמטער; איר פּערסאָנאַלי־טעט וואָס איז פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער אויס־געוואַקסן; די געוואַלטיקע פאַרגעטערונג מיט וועלכע מען האָט איר אַלץ מער אַרומגערינגלט און וואָס האָט

איר פאַרוואַנדלט אין דער סאַמער געזוכטסטער פּערזאָן פון דער שענסטער געזעלשאַפט; דאָס אַלץ האָט נישט צורו געלאָזט און עס זענען געמאַכט געוואָרן אַ סך, אַ סך פּרובן אויף צו געווינען איר פאַר דער קריסטלעכער וועלט, וואָס האָט זיך אָבער יעדעס מאָל אָנגעשטויסן אין איר קאַטעגאָרישן אָפּזאָג און איר הייסן ווילן צו בלייבן אַ ייד.

א. פּ. מאַנטעל דערציילט, אַז זייענדיק אַמאָל ביי ראַשעלן, האָט זי אין זיין קעגנוואַרט געלייענט אַ בריוו וואָס עס האָט איר געשריבן אַ פּערזאָן וואָס האָט געזאָלט מיט איר חתונה האָבן: אין בריוו האָט ער באַרירט איר יידישקייט און געשריבן אַז ער וועט אומבאַדינגט וועלן, זי זאָל נאָך דער חתונה, זיך שמד'ן און מאַנטעל דערציילט וועגן איר אויפגעבראַכטקייט אויף דער פאָדערונג.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז ראַשעל איז אין לעצטן יאָר פון איר לעבן געפאָרן קיין עגיפּטן זיך פּרובירן היילן: אויף דער שיף אַהין, האָט זי זיך באַפריינדעט מיט אַ פראַנצויזישן אָפיציר, אַ הייסן קאַטאָליק, וואָס האָט אויף איר אויך פּרובירט ווירקן זי זאָל זיך שמד'ן; דערנאָך איז אָנגעגאַנגען צווישן זיי ביידן אַ לענגערע קאָרעספּאָנדענץ און ראַשעל האָט אין אירע בריוו צום אָפיציר פאַרטיידיקט איר יידישקייט.

אוודאי וואָלט איך געוועזן צופרידן צו קענען איבערגעבן די געדאַנקען און אַרגומענטן אירע ביים פאַרטיידיקן איר יידישקייט, אָבער דער כאַראַקטער פון דער פאַרליגנדיקער אַרבעט, האָט מיר נישט דערלויבט אונטערצונעמען אַלע נויטיקע זוכונגען, אויסצוגעפינען די

טעקסטן פון די דערמאָנטע בריוו און קענן מיין אייגע־נעם ווילן, בין איך געצווינגען מיך צו באַגעניגענען מיטן אָנווייזן אויף זייער עקזיסטענץ.

אין די שווער־קראַנקע טעג פון איר לעצט לעבנס־יאָר, טאַקע נאָך אין ענגיפּטן זייענדיק, דערגייט צו איר די ידיעה אַז דער פראַנצויזישער זשורנאַליסט עיזשען גינאַ, האָט פאַרעפנטלעכט אין אַ פּאַריזער צייטונג „לע סיעקל״ אַ נאָטיץ, אַז די קינסטלערן האָט זיך ענדלעך געשמד, אַז עס איז אַ געשעענער פאַקט; ראַשעל שרייבט אים גלייך אַן אויפגערעגטן בריוו אין וועלכן זי דרוקט זיך אויס „אַז זי האָט געמיינט אַז דאָס פּריוואַטע לעבן פון אַן אַרטיסט, איז נישט אַלעמאָל אַ געביט פאַר רע־קלאַמע; זי האָט געמיינט אַז עס זענען פאַראַן גרענעצן וועלכע מען דאַרף נישט אַריבערגיין; זי האָפּט אַז ער וועט זיך צואײַלן צו דערקלערן, אַז די געשיכטע וועגן איר בלומרשטן שמד מיט וועלכער ער האָט געוואָלט פאַרווילן זיינע לייענער, האָט נישט הינטער זיך קיין שום גרונד״.

קראַנק, אָן כוח, וויסנדיק אַז זי לעבט אירע לעצטע טעג, איז זי פונדעסטוועגן געשטאַנען אויף דער וואַך און פאַרטיידיקט איר יידישן נאָמען, איר ווילן צו בלייבן אַ ייד!

יאָ, עס איז פאַראַן אַ פאָרוווּרף פאַר ראַשעל׳ס יידיש־קייט:

ס׳דאַרף דערציילט ווערן אַז אין אָוונט פון כל נדרי, דעם 7־טן אָקטאָבער 1840 איז ראַשעל אויפגעטרעטן אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע און אויסגעפירט די שוין דערמאָנטע קריסטלעכע ראָל פון פּאָלין... וועגן

דעם דאָזיקן אָוונט, האָט געננוי באַריכטעט אַ גרויסע פּאַריזער צייטונג „לע טאַן" פון 12־טן אָקטאָבער 1840. אויף אַ געמאַכטן פאָרוואורף, זאָל ראַשעל זיך האָבן פאַר־ענטוועררט, אַז זי איז געווען געצווינגען דורך איר קאָנ־טראַקט, צו שפּילן דעם אָוונט און אין „אַרשיוו איזראַ־עליט" פון דעם זעלבן יאָר 1) האָב איך געלייענט אַ פאָרוואורף וואָס עס וועט דאָרט געמאַכט אויף דעם חש־בון פון איר פאָטער יעקב פעליקס, פאַרן נישט האָבן זיך באַוואָרנט אין קאָנטראַקט מיטן טעאַטער, אַז זיין קינד זאָל אין אַזעלכע יום טובים, זיין פריי פון דאַרפן שפּילן. 2)

לאָמיר דאָ געדענקען אַז ראַשעל איז דעמאָלט אַלט געווען ניינצן יאָר און איר פערסאָנאַליטעט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן ענטוויקלען און כדי צו ווייזן אַז זי איז נישט געווען צו פיל זינדיק און אַז זי האָט מיט אַלע אירע כוחות אויסגעמיטן און זיך אויסגעהיט פון קריסט־לעכקייט און קאַטאָליציזם, דערוויסן מיר זיך פאָלגנדיקע

(1) Archives Israélites : 1840, page 564.

2) ס'איז ביז גאָר אינטערעסאַנט צו לייענען אַן אַרבעט פון א. דע שאַמראַן, וואָס פירט דורך אַן אַנאַליז וועגן „ראַ־שעלס פעלערן און דערפאָלגן" און ווען ער שטעלט זיך אָפּ אויף איר קריסטלעכע ראָלע אַלס פּאַלין, שרייבט ער, אַז זי קומט דאָרט אַרויס „וואַקלדיק און נישט דעצידירט" און ער פירט אויס, אַז דאָס נעמט זיך פון נישט האָבן גענוג שטו־דירט איר ראָל : איך האַלט אָבער אַז מיר האָבן אַ רעכט זיך צו פרעגן :

איז עס נאָר אַ פראַגע פון נישט גענוגנדיקע איינשטודי־רונג ? אָדער די סיבה פון איר נישט דעצידירטקייט און וואַקלדיקייט, דאַרף געזוכט ווערן אין איר יידישן סענטי־מענט, ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אינערלעכן קאָנפליקט, וואָס די קינסטלערן האָט אַדורכגעלעבט ביים שפּילן די ראָל פון באַ־קערן זיך צום קריסטנטום ?

אינטערעסאַנטע געשיכטע, וועלכע זי דערציילט אין איר'ס א בריוו:

פּונקט ווי דער ים־אָפיציר וואָס האָט איר צוגערעדט איבערצוגיין צום קריסטנטום, בעת איר רייזע קיין עגיפּטן, אַזוי האָט זיך ראַשעל, בעת איר צוריקרייזע, אויף דער שיף „קליד", באַקאַנט מיט א בישאָף, מאָנסיניאָר פּעלעראַן, וואָס האָט אויך פּרובירט איר באַאיינפלוסן, זי זאָל ראַטעווען איר נשמה דורך... שמד'ן זיך. ראַשעל וואָס האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח צו די אַלע מעשיות, האָט געפאָדערט פונעם בישאָף א צוזאָג, ער זאָל מיט איר מער נישט רעדן וועגן קיין שום רעליגיעזע ענינים, אין קעגנטייל וועט זי זיין געצוווּנגען אויסצומיידן זיין געזעלשאַפט; דער בישאָף האָט איר צוגעזאָגט נישט צו באַרירן מער דאָס רעליגיעזע פּראָבלעם און אין זייערע ווייטערדיקע שמועסן האָבן זיי פיל גערעדט וועגן... אכילה, וואָרם דער גייסטלעכער האָט עס ווייט נישט פיינט געהאַט.

איינמאָל האָט ער איר געפרעגט:

— האָט איר געגעסן די באַרימטע פלעצל פון „זשימנאַז"? — (ווייזט אויס אַז דאָ האַנדלט זיך אין עפּעס א ספּעציעל געבעקס וואָס מען האָט פאַרקויפט אין אָדער נעבן טעאַטער און וואָס האָט זייער אויסגענומען).

ראַשעל האָט אים געענטפערט „אַז זי איז קיינמאָל נישט אַוועק פון דאָרט אַנדערש ווי מיט פולע קעשענעס", אָבער אין דעם מאָמענט, האָט זי געהאַט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט זיך פאַר דעם גלח מתודה־געווען און זי גיט צו אין בריוו:

„דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל אין מיין לעבן, אַז כ'בין אַריינגעפאַלן אין קאַטאַליציזם".

זאָל איצט אָנגעוויזן ווערן אויף אַ געוויסן אינטערע־סאַנטן שטריך ביי ראַשעלן, וואָס האָט אַ שייכות מיט איר „זינגען" די מאַרסעליעזע בעת די רעוואָלוציע־טעג 1848 :

קודם כל, דאַרף דאָ אָפּגעלייקנט ווערן די מעשה וואָס ווערט דערציילט, אַז ראַשעל האָט געזינגען די מאַרסע־ליעזע אויף די באַריקאַדן ; אויך די געשיכטע ווי פיל אַנדערע, איז אויסגעטראַכט פון „א" ביז „ת". ראַשעל איז בכלל געווען זייער ווייט פון פּאָליטיק ; זי האָט זיך מיט איר אינגאַנצן נישט פאַרנומען און ממילא נישט געהאַט קיין שייכות מיט די באַריקאַדן. אירע פריינד האָבן זיך געפינען אין אַלע לאַגערן ; סיי צווישן די רעפּובליקאַנער און סיי צווישן מאָנאַרכיסטן.

ערב די רעוואָלוציע־טעג פון 1848, ווען דער ברייט־סטער עולם איז געווען אַריינגעטאָן אין פּאָליטישן קאַמף האָבן די טעאַטערן געפּוסטעוועט און די פראַנצויזישע קאָמעדיע האָט אַדורכגעמאַכט אַ קריזיס. ווען ס'איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע האָט מען אויף די סצע־נעס פון די טעאַטערן, אָנגעהויבן אויספירן די מאַרסע־ליעזע און ראַשעל'ן איז איינגעפאַלן אַז אויך זי זאָל זינ־גען דעם הימן ; מען האָט איר אָנגעהויבן אָפּרעדן דער־פון, ווייסנדיק אַז זי איז נישט קיין זינגערן. ראַשעל האָט אָבער געהאַט איר אייגענע אידעע וועגן דער אויספי־רונג ; זי איז אַרויסגעקומען אויף דער סצענע אָנגעטאָן אין אַ לאַנג ווייס קלייד מיט דער דרייפאַרביקער פראַנ־צויזישער פאָן אין האַנט און אָנשטאָט זינגען, האָט זי

די מאַרסעליעזע דעקלאַמירט; מאָמענטנווייז, האָט איר שטים אָפּגעגעבן דעם איינדרוק פון געזאַנג. אויסגעפירט האָט זי דעם הימן אונטער דער באַגלייטונג פון טעאַטער־אָרקעסטער, וואָס האָט לויט ראַשעלס אָנווייזונג, איר אַקאָמפּאַנירט זייער, זייער שטיל.

דער דערפאָלג פון איר דעקלאַמירן די מאַרסעליעזע, איז געווען אויסערגעוועהנלעך; מען האָט זיך בוכשטעבלעך, געשלאָגן פאַר אַ מעגלעכקייט אַריינצוקומען אין טעאַטער, פיר און דרייסיק מאָל האָט ראַשעל אויסגעפירט די מאַרסעליעזע און ממש רייך געמאַכט די קאַסע פון טעאַטער. עס איז געווען דאָס סאַמע גרעסטע טעאַטראַלע געשעעניש פאַר אַ לאַנגע צייט.

בעת עס איז איר געקומען דער געדאַנק וועגן אופן ווי אַזוי אויסצופירן די מאַרסעליעזע, האָט זי אַ זאָג געטאָן צו איר׳ס אַ פריינד:

— מיר האָבן דאָ, אין טעאַטער אַ פּעאיקן דיריגענט; דאָס איז מיינס אַ גלויבנס־ברידער. מיר זענען זייער באַפריינדעט. איך וועל זיך שוין מיט אים פאַרשטענדיקן, וועגן איינשטעלן די זאַך.

ראַשעל וואָס איז געווען שטאָלץ מיט איר יידישקייט, האָט ביים דערמאָנען דעם טעאַטער־דיריגענט, גלייך צוגעגעבן, אַז ער איז איר׳ס „אַ גלויבנס־ברודער".

דער דאָזיקער גלויבנס־ברודער ראַשעלס, וואָס איז געווען דיריגענט אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע סך הכל דאָס ערשטע יאָר, איז געווען דער שפּעטערדיקער משומד זשאַק אָפּענבאַך.

אין ראַשעלס טעג, האָט זיך דאָס פראַנצויזישע יידנטום געפינען אין אַ מצב פון צעפאַלונג; אויסערלעך

האָט „עס געגלאַנצט מיט בירגערלעכע רעכט, אינעווייניק האָט עס געפוילט, געווען נאַציאָנאַל בלוטלאָז" כאַראַק־טעריזירט יענע יאָרן דער היסטאָריקער שמון דובנאָוו. מאַסן האָבן זיך זשענירט און אויסבאַהאַלטן מיט זייער יידישקייט; אַ שמד־מגפה האָט באַהערשט גרויסע טיילן און אַרומגענומען אַ סך באַרימטע יידן, ווי העגריך היינע, לודוויק בערנע, דער נאָר וואָס דערמאָנטער זשאַק אָפּענבאַך, אשיל פולד און האָט אַפילו נישט אָפּגעשוינט אַזעלכע פאַמיליעס ווי די סערפבער'ס און דאָס הויז פון אַדאָלף קרעמיע.

אַז מיר טראַכטן וועגן דעם אַלעם, קענען מיר זיך משער זיין ווי גרויס עס איז געווען ראַשעלס צוגעבונדנ־קייט צו איר פאָלק, אַז טראָץ די אומצאָליקע פּרובן צו ווירקן אויף איר, זי זאָל אַריבערגיין צום קריסטנטום, האָט זי זיי אַלעמאָל ענטשלאָסן אָפּגעוואָרפן און געבליבן אַ ייד ביז דעם לעצטן טאָג פון איר לעבן.

ביי אב. קאהאן געפינען מיר אַ זעלטן אינטערעסאַנטן בריוו פון ראַשעלן; בעת זי האָט זיך געפינען אין עגיפּ־טן האָט זי געקלערט צו פאַרברענגען אַ ווינטער אין פּאַ־לעסטינע און זי האָט וועגן דעם אַזוי געשריבן צו ארסען הוסע:

„אויב איך וועל שטאַרבן אויף מיין רייזע, וועט מען מיך באַגראָבן נעבן רחל'ס קבר, נעבן דעם פּלאַץ, ווו עס ליגט די אמת'ע, די גרויסע רחל. איך בין שטאָלץ צו טראָגן דעם נאָמען פון דער פרוי, וואָס האָט געבוירנגט אַזעלכע קינדער אויף דער וועלט".

צו מיין גרויסן באַדויערן, מוז איך מודה זיין, אַז

איך האָב געלייענט אַלץ וואָס דער איידעלער ארסען הוסע האָט געשריבן און דערציילט וועגן דער גרויסער ראַשעל, איך האָב אויך געלייענט די בריוו וועלכע ער האָט פון איר באַקומען פון עגיפּטן און לײדער, דעם נאָר וואָס ציטירטן בריוו נישט אָנגעטראָפן.

ס׳איז אינטערעסאַנט אויך צו דערציילן אַז ראַשעל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן איינצואָרדענען פון צייט צו צייט אויפנאַמען ביי זיך אין האָטעל פאַר די באַרימטסטע יידן; זי איז געווען ביז גאָר שטאָלץ וואָס אַזאַ גרויסע צאָל יידישע מענער האָבן זיך דערוואָרבן באַרימטע נעמען מיט זייערע פּערזענלעכע פאַרדינסטן און מיט די הויכע פּאָזיציעס וואָס זיי האָבן פאַרנומען.

זי האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן צונויפשטעלן אַ ליסטע אויף וועלכע עס האָבן פיגורירט די נעמען פון קרעמיע, גודשא, פיליפּ אנסבאך, מאיערבער, האַלעווי, די ראָטשילד׳ס, די פּערעיר׳ס, די פוראטאדא׳ס, ס. דע־נערי, דער מאַלער לעמאַן א. א. אָבער עס זענען געווען שטערונגען און דערנאָך איז נאָכגעקומען איר קראַנק ווערן און דער פּלאַן האָט זיך נישט געלאָזט רעאַליזירן.

עס דאַרף אויך דערציילט ווערן אַז צו ראַשעלן זענען כסדר געקומען ווענדונגען פון פאַרשידענע יידישע זייטן צו העלפן אירע ברידער יידן, וואָס נויטיקן זיך און ראַשעל האָט זייער פיל געטאָן פאַר זיי, געבנדיק און העלפנדיק מיט אַ ברייטער האַנט. ראַשעל פלעגט אויך געבן גרעסערע סומעס אויף ריין רעליגיעזע צוועקן און פלעגט פון צייט צו צייט אַליין אויך זיך באַווייזן אין שול. 1)

(1) S. Bloch : l'Univers Israélite No 6, février 1858.

ראשעל איז נישט נאָר געווען אַ יידיש קינד מיטן הארץ און מיט דער נשמה, נאָר אַפילו איר געזיכט האָט פאַרמאָגט יידישע שטריכן פון אַזאַ דעליקאַטער שיינקייט אַז דער באַרימטער מאָלער הּאָראַס ווערנע האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס זי איז נישט געווען דער מאָדעל פאַר זיינס אַ געפלאַנט בילד פון דער ביבלישער רבקה; וועגן ראַשעלס כאַראַקטעריסטישע געזיכטס־שטריכן האָבן אויך געשריבן אַנדערע. 1)

אוודאי וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערמאָנען אַ פּאָר מאָמענטן פון איר יידישקייט, אָבער מיט די ידיעות, וועלכע איך האָב ביז איצט געברענגט, שעפּט זיך אויס אַלץ וואָס איך האָב געקאָנט צונויפזאַמלען וועגן ראַ־שעלס יידישע היים און וועגן איר גופא.

---

(2) Auguste Roussel : Mlle Rachel et sa troupe en province. Editions Michel Lévy. Paris 1849.

IV.

אַנגעהויבן אַלס אַן אַנאַלפאַבעט, איז ראַשעל פון טאָג צו טאָג, אַלץ מער אַריינגעדרינגען אין דער קולטור־וועלט, באַרייכערט איר וויסן, געלערנט פון דער ליטע־ראַטור און פון לעבן אַרום זיך, פון דער געזעלשאַפט, פון יעדן און פון אַלץ און לסוף אַרויפגעשטיגן אויף אַזאַ הויך־גייסטיקן ניוואָ, אַז זי פלעגט זייער אָפט, דער־שטוינען די אַרומיקע.

שוין די האַנדלונג אין דער קעגנוואַרט פון פּאַריזער אַרציבישאָף, ווען זי האָט אָנשטאָט די קריסטלעכע פערזן פון פאַלין, געענטווערט מיט די פערזן פון „אס־תר", באַווייזן ראַשעלס גייסטרייכן אופן דענקען.

זשיל זשאַנאַן האָט איר אַמאָל געפרעגט:

— ווי האָט איר זיך אויסגעלערנט דאָס אַלץ וואָס איר ווייסט?

— כ'וויים נישט, — האָט אים ראַשעל געענטווערט — איך טו אַזוי ווי די פייגל, וואָס זינגען, אָן זיך צו האָבן געלערנט מוזיק.

„זי האָט געכישופט מיט איר שכל פונקט ווי מיט איר טאַלאַנט", דרוקט זיך וועגן איר אויס מ. ווערעל און דער דאָזיקער חן אירער, איז אויך געווען איינער פון די סיבות פון זוכן איר געזעלשאַפט.

„וועמען קומט באַוואונדערן די מאַסע וואָס פילט אויס דאָס טעאַטער בעת ראַשעל האָט געדאַרפט שפילן?

איז עס די אַקטריסע, איז עס די טראַגעדיע? עס איז איר זיכער ווייניק אָנגעגאַנגען צו מען שפּילט „וואַלער־יאַ" צו „פּעדר"; זיי זענען געקומען זעען ראַשעלן", שרייבט איר׳ס אַ ביאָגראַף.

זי האָט געהאַט אַן אַ שיעור באַזוכער און אויפגע־נומען פּונקט ווי אַ קעניגן און דאָס אַלץ מיט אַזאַ פּש־טות, נאַטירלעכקייט און שאַרם, אַז מען פלעגט זיין אויס־סער זיך פון ענטציקונג און פרעגן ביי זיך אין דער נשמה:

„פון וואַנען האָט זיך עס דערנומען? ווו, ווען און ביי וועמען האָט זיך דאָס דאָזיקע קינד פון נויט און אָרעמקייט, געלערנט די ווונדערלעכע האַלטונג?"

עס וועט נישט זיין איבעריק אויף דעם אָרט, צו ברענגען פאָלגנדיקע שורות ,פון ארסען הוסע :

„כאָטש איר (ראַשעל׳ס) מוטער איז געווען אַ צנועות׳דיקע פרוי, די אמתע פאַמיליע־מוטער ווי מיר זעען עס אין דער ביבל, האָב איך מיך אַלע־מאָל געפרעגט, צו איז נישט אַמאָל יופּיטער אַראָפּ־געקומען צו איר אין אַ נאַכט ,ניין חדשים פאַר ראַשעלס געבורט. די געטער זאָגן אונדז נישט וואָס זיי טוען".

„אין אַ גאַנץ געוויינלעכן טאָג, האָט מען ביי איר אין שטוב געקענט טרעפן: אַ מיניסטער, אַ רייַ אַמבאַסאַדאָרן, עפּעס אַ פירשט, אַ טוץ פּערזענ־לעכקייטן פון דער בעסטער געזעלשאַפט" — דער־ציילט איר׳ס אַ פריינד.

אין דער סאַמער פיינסטער געזעלשאַפט פלעגט טרעפן, אַז דער שמועס האָט אומגעריכט באַרירט אירע קינדער־



PHOTO B. N.

ראַשעלס עס־צימער אין איר האָטעל אויף רי טרידאָן

יאָרן; ראַשעל האָט עס קיינמאָל נישט געזוכט אויס־צובאַהאַלטן, זיך נישט געריוועלט און זיך קיינמאָל נישט געשעמט מיט יענע טרויעריק־אָרעמע טעג און מיט איר דעמאָלטיקער „פּרנסה״. זי פלעגט וועגן דעם רעדן מיט אַ סך פּשטות און אין זייער אַ רירנדיקער פאָרם.

דאָס דערקענען ראַשעלן אויף דער גאַס ,פלעגט אַרויס־רופן אַ סענסאַציע און געשטערט די באַוועגונג, צוליב דעם גרויסן עולם וואָס האָט זיך אַרום איר געזאַמלט. איר באַווייזן זיך אַמאָל אין פּאַרלאַמענט ווו זי האָט געהאַט אַ סך פריינד, פלעגט זיין נישט קיין קלענערע סענסאַציע און שטערן דעם גאַנג פון די זיצונגען, אַזוי גרויס איז געווען די צאָל פון דעפּוטאַטן און מיניסטאָרן וואָס פלעגן איילן איר באַגריסן און וועלן זיין נעבן איר, כאָטש אַ סך פון זיי זענען געווען נישט קיין קלענערע באַרימטהייטן!

ווי ווייט ראַשעל האָט אויסגענומען ,וועט זיין גענוג צו דערציילן ,אַז דער אַלטער שאַטאָבריאַן גופא, האָט איר דערלאַנגט זיין אָרעם, כדי איר צו ברענגען אין טעאַטער אַריין, אין דער לאָזשע פון דער מאַדאַם רע־קאַמיע.

בעת מען האָט די יונגע קינסטלערן, פאָרגעשטעלט צום ערשטן מאָל פאַר דעם שרייבער, דאָס איז געווען אין סאַלאָן פון דער מאַדאַם רעקאַמיע, האָט שאַטאָ־בריאַן איר געזאָגט:

— ס׳איז צו באַדויערן, וואָס אַזעלכע טאַלאַנטן ווי איר, ווערן געבוירן ווען מיר האַלטן שוין נאָענט צום אוועקגיין פון דער וועלט!

אויף וואָס ראַשעל האָט אים געענטווערט:

— פאַראַן מענטשן וואָס שטאַרבן קיינמאָל נישט.

„דער דערפאָלג וואָס די מאַדמואַזעל ראַשעל האָט דער־גרייכט אין די סאַלאָנען, די צערטלעכע ליבשאַפט וועלכע זי האָט געוווּנען ביי באַרימטע פּרויען, ביי מענטשן פון גייסט און וויסן, קען נישט דערקלערט ווערן אַנדערש ווי דורך אירע זעלטענע, כ'מיין דאָ נישט אַרטיסטישע, מע־לות פון דעם יונגן, גייסטרייכן און איינגענעמען מיידל וואָס האַלט זיך שטענדיק אַזוי וווּנדערבאַר" שרייבט וועגן איר דער ד'ר ל. וועראָן.

די דאָזיקע וווּנדערלעכע פרוי איז גלייכצייטיק געווען אַ שטיפערן און אַ מזיק; עס פלעגט טרעפן, אַז נאָכן אַוועקגיין פון אירע געסט, פלעגט זי זיך אַראָפּלאָזן אויפ'ן דיל און זיך געשיפּלט קוילערנדיק זיך אויף דעם טעפּיך.

מען האָט איר אַמאָל געפרעגט:

— ווי קומט עס, וואָס אַרויסרופנדיק אַזוי פיל טרערן ביי די צושויער, איז אָבער ביי אייך גופא, כמעט נישט צו באַמערקן קיין טרערן?

— ווען איר וואָלט געוווּסט, מיין פריינד, וויפל איך האָב אויסגעוויינט איבער די ציבעלעס, וואָס מיין מוטער פלעגט מיר געבן צו שיילן — האָט ראַשעל געענטפערט שמייכלענדיק — וואָלט איר פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך פאַרמאָג שוין היינט נישט קיין טרערן!...

סוף 1853 האָט ראַשעל גאַסטראָלירט אין רוסלאַנד, וווּהין זי איז איינגעלאַדן געוואָרן דורך דעם צאַר ניקאָ־לאַי דעם ערשטן. אין יענע טעג איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט צווישן רוסלאַנד און טערקיי; ענגלאַנד און

פראַנקרייך האָבן זיך אַריינגעמישט און די געפאַר פון א מלחמה האָט אָנגעהויבן ווערן זייער ערנסט.

אין יאַנואר 1854, פאַרן פאַרלאָזן פעטערבורג, האָט ראשעל זיך געפינען אין א געזעלשאַפט פון אָפיצירן; מען האָט געטרינקען פראַנצויזישן שאַמפּאַניער; מיט אַן אָנצוהערעניש אויף דער נאָענטער געפאַר פון א מלחמה צווישן רוסלאַנד מיט פראַנקרייך, האָט איינער פון די אָפיצירן א זאָג געטאָן:

— כ'האָף, אַז בקרוב וועלן מיר טרינקען שאַמפּאַניער ביי אייך אין פראַנקרייך...

— כ'האָב נישט געהערט ,אַז מען זאָל ביי אונדז געבן געפאַנגענע צו טרינקען שאַמפּאַניער! — האָט ראשעל אָפּגעענטוועט.

ווי ווייט מזיק ראשעל איז געווען, זעען מיר פון איר'ס א ביז גאָר כאַראַקטעריסטישן בריוו געשריבן פון איטאַליע, דעם 16־טן נאָוועמבער 1851 נאָך איר וויזי־טירן רוים; אָט וואָס מיר לייענען דאָרט;

„וועט איר גלויבן אַז מיין אינסטינקט פון א יידישקע, האָט מיך אַבסאָלוט נישט פאַר־לאָזט אין דעם דאָזיקן דרייפאַך הייליקן אָרט? כ'האָב דאָ געגנבעט צוויי אָראַנזשן!

ס'איז אמת, אַז מיינע באַגלייטערס האָבן גע־געבן זייער הסכמה דערצו און דערנאָך, כדי מען זאָל מיר פאַרגיבן די גנבה ,האָב איך גופא, זיי איינגעטינקט אינעם טויף־וואַסער פון סאַן פּיער. ווי ווייט יידישקע כ'בין, רעד איך מיר איין ,אַז די דאָזיקע אָראַנזשן וועלן מיר זיין מזלדיק און אויך פאַר די וואָס וועלן זיי אָנרירן. איר פאַר־

שטייט דעריבער, אז אזוי טראַכטנדיק, וועלן מיינע קינדער האָבן פאַרהאַנט זיי אָנצורירן..." א. א. וו.

יאָ ,פאַראַן אַ סך צו דערציילן וועגן ראַשעלס שאַרפ־זיניקן און שטיפערישן וויץ.

אוודאי האָב איך נישט בדעה פאַרצושטעלן ראַשעלן אַלס מענטש מיט לויטער מעלות ; אָן ספק אַז זי האָט געהאַט פעלערן, שוואַכע זייטן ,אָבער ווער איז פריי דערפון ?

איז זי געווען שיין ?

אין די גאָר יונגע מיידלשע יאָרן און אין דער ער־שטער קורצער צייט פון איר אַרטיסטישער קאַריערע, איז זי עס נישט געווען ; געווען אפילו שטימען וואָס האָבן איר געהאַלטן פאַר מיאוס. בעת ראַשעל האָט אַדורכגעמאַכט איר עקזאַמען אָנגענומען צו ווערן אין דער קאָנסערוואַטאָריע ,זי איז דעמאָלט אַלט געווען 15 יאָר ,האָבן די זשורי־מיטגלידער זיך וועגן איר אַזוי אויסגעדריקט, דער ערשטער ; „זי האָט קעגן זיך איר שטים און איר שלעכטע פיגור, נאָר זי איז ביז גאָר שכל־דיק", דער צווייטער : „אַ נעבעכדיקע אויסערלעכקייט, נאָר אַ סך פעאיקייטן" און דער דריטער : „די אָפּוועזנ־הייט פון פיזישע מעלות אָבער אַ פּרעכטיקער טעאַטראַ־לער טאַלאַנט". לויט געוויסע עדות איז זי געווען מאָגער און געהאַט זייער אַ פלאַכן ביוסט. ראַשעל איז אָבער שפּעטער געוואָרן שיין ; זי איז עס אויך געוואָרן דורך איר אייגענעם ווילן ; זי האָט דערנאָך דערציילט :

„כ'האָב מיך שטודירט יעדן טאָג פון מיין לעבן, כ'זאָל נישט זיין מער מיאוס".

זי האָט זיך עסטעטיש איבערגעבויט און געוואָרן שיין.

כאָטש זייער באַשיידן, מיט פיל דיסקרעציע, האָט זי זיך אָנגעטאָן מיט אַן אַ שיעור געשמאַק און עלעגאַנץ און געווען די טאָנגעבערן אויך אויף דעם געביט און די באַרימטסטע אַריסטאָקראַטישע דאַמען האָבן געזוכט איר נאָכצוטאָן. „זי איז נישט געווען קיין קאָפּיע נאָר אַ מאָדעל" האָט וועגן איר געשריבן אירס אַ צייט־מענטש און לואי באַרטו גיט צו ,אַז זי איז געווען אַזאַ סאָרט מאָדעל, וואָס קיינער האָט גאָרנישט פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט צו קענען איר אימיטירן.

„אַלע סקולפּטאָרן פון איר צייט האָבן שטודירט איר אויסערגעוויינלעכע עלעגאַנץ און מאַיעסטעטישן אופן פון גיין. די מאַלער האָבן שטודירט דעם חן'עוודיקן סטיל פון איר פריזור און די האַרמאָניע־פולע פאַרבן פון אירע קליידער און וואַלן" לייענען מיר ביי ארסען הוסע.

איר קונסט, איר שיינקייט, איר גייסטרייכקייט, די אַלע אויסגערגעוויינלעכע מעלות אירע האָבן איר פאַרשאַפט אַזוי פיל פריינד וואָס האָבן איר געזוכט אויסצוכאַפּן ביי אַנאַנדער, איז עס נישט מער ווי נאָרמאַל, מיר זאָלן אויך וואַרפן אַ בליק אויף איר סענטימענטאַלן לעבן ; ווי האָט עס אויסגעזען מיט אירע האַרץ־ענינים און ווי אַזוי איז בכלל אוועק איר לעבן אַלס פרוי ?

איך האָב שוין דערמאָנט אַז ראַשעל האָט געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון איר אויטאָריטערן פאָטער און זייער יונג נאָך, שוין געזוכט חתונה צו האָבן כדי פּטור ווערן פון זיין אַפּטרופּסות.

ניין, ראַשעל האָט נישט חתונה געהאַט, כאָטש זי האָט עס זייער געוואָלט. זי איז שוין אַפילו געווען אַ כלה.

איי‍ניקע מאָל שיער, שיער נישט חתונה געהאַט, אָבער פון דעם אַלעם איז גאָרנישט געוואָרן. זי איז נישט גע־ווען די פרוי וואָס זאָל האָבן געקאָנט אַוועקגיין מיט דעם וועג, כאָטש זי האָט פיל מאָל אָפּגעפּילט אַ פאַרלאַנג, פאַר אַ שטיל פאַמיליע־לעבן.

ראַשעלס סענטימענטאַל לעבן איז אויסערגעוועג־לעך רייך; וועגן דעם איז פיל געשריבן געוואָרן, ממש אַ גאַנצע ליטעראַטור. דאָס איז געווען אַ פרוי, ווי מיר ווייסן עס, מיט אַ סך טעמפּעראַמענט און מיט ווייניק זייער ווייניק פון דעם מין וואָס מיר רופן אָן מיטן נאָמען, טרייהייט. זי איז געווען געטריבן פון אַ סענטימענט, וואָס האָט זיך אָפּט געטוישט און ממילא האָט זי אויך אָפּט געטוישט אירע געליבטע. עס זענען געווען אין איר לעבן, קורץ־דויערנדיקע פאַרבינדונגען און געווען אַזעלכע וואָס האָבן אָנגעהאַלטן ביז דריי יאָר, דאָס שוין אַ רעקאָרד!

וועגן איר ראָמאַנטיש לעבן זענען ארומגעגאַנגען אָן אַ שיעור אַנעקדאָטן, וואָס איי‍ניקע פון זיי האָבן פאַרמאָגט אַ סך שאַרפזין; אַזוי למשל האָט מען דערציילט, אַז אַמאָל אין טעאַטער, האָט דער זון פון לואי פיליפּ'ן, דער פּאָפּולערער פּרינץ זשואַנוויל, וועמען זי איז זייער געפעלן געוואָרן, זיך נישט געקאָנט מער אָפּהאַלטן און אַריינגע־שיקט איר, הינטער די קוליסן, זיינס אַ וויזיט־קאַרטע מיט נאָר דריי ווערטער: „ווען? ווו? וויפל?" און זי זאָל אים גלייך האָבן צוריקגעשריבן: „היינט אָונט. ביי דיר. פאַר גאָרנישט".

פון דער גאָר רייכער ליסטע פון ראַשעלס סענטימענ־טאַל לעבן, וועל איך נאָר דערמאָנען איי‍ניקע נעמען: דאָס זענען געווען: דער דיכטער אַלפרעד דע מיסע, דער דיכ־

טער פאנסאר, דער זייער באַרימטער אין זיין צייט זשור־נאַליסט עמיל דע זשיראַרדאַן, דער שוין דערמאָנטער פּרינץ זשואַנוויל, דער פּרינץ זשעראָם באָנאַפּאַרט און דער גראַף וואַלעווסקי ,דער זון וואָס נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט געהאַט מיט דער פּוילישער גרעפין וואַ־לעווסקאַ.

דאָס זענען נאָר איינציקע נעמען, אָבער די ליסטע איז גרויס און נישט אַלע וואָס האָבן געקענט אירע צער־טלעכקייטן ,האָבן זוכה געווען צו פיגורירן אויף דער ליסטע...

פון די פּאָר געברענגטע נעמען, האָבן מיר שוין אַ פיין צעטל פון אַריסטאָקראַטן פון גייסט און אַריסטאָ־קראַטן פון בלוט. עס דאַרף אָבער דערציילט ווערן אַז פון דער פאַרבינדונג מיטן גראַף וואַלעווסקי, האָט ראַ־שעל אין יאָר 1844 געבוירן אַ זון, וואָס דער גראַף האָט אים געזעצלעך אנערקענט און שפּעטער, ווען די פאַר־בינדונג איז איבערגעריסן געוואָרן און טאַקע צוליב ראַשעלס שולד, וואָרם זי האָט אָנגעהויבן אַ נייע ליבע, האָט וואַלעווסקי איר דעם זון צוגענומען ,פון וואָס זי האָט אַ סך געליטן ,וואָרם זי איז געווען אַ הייסע מוטער און שטאַרק ליב געהאַט אירע קינדער און אויב איך רעד דאָ וועגן קינדער, איז עס דערפאַר וואָס זי האָט דערנאָך געבוירן נאָך אַ זון, פאַרשטייט זיך אַז שוין נישט פון גראַף וואַלעווסקי .

„עס איז אַן אַלטע געשיכטע
וואָס בלייבט שטענדיק ניי”

האָט וועגן די אַלע ענינים געשריבן ראַשעלס אַ פּאַריזער

פריינד, וואָס האָט טאַקע נישט אויסגעהאַלטן מיט זיין יידישקייט, דער דיכטער העגריך היינע.

וועגן ראַשעלס קינדער, קאָן איך בלויז איבערגעבן פאָלגנדיקע ידיעות: איר ערשטער זון, אַלעקסאַנדער אַנטואַן זשאַן וואַלעווסקי, וואָס איז געבוירן אין נאָוועמבער 1844 ווען דער גראַף האָט געזעצלעך אנערקענט און צוגענומען, איז אַוועק אויף דעם דיפּלאָמאַטישן וועג און געווען פראַנצויזישער קאָנסול אין איטאַליע און אין אַנדערע לענדער. ער האָט גענומען אָנטייל אין דער פּרייסיש-פראַנצויזישער מלחמה אין יאָר 1870 און געווען אויך פאַרוואונדעט.

דער יונגערער זון איז געבוירן אין יאַנואַר 1848; ער האָט געטראָגן ראַשעלס נאָמען און געהייסן גאַבריעל וויקטאָר פעליקס. ער איז געווען אַ פלאָט-אָפיציר, געהאַט די אויסצייכענונג פון ערן-לעגיאָן און געווען לאַנגע יאָרן פראַנצויזישער רעזידענט אין קאָנגאָ און געשטאָרבן אין יאָר 1889 אין בראַזאַוויל.

אין אייניקע ערטער ווערט דערציילט אַז ראַשעל זאָל אירע בײדע זין האָבן אָפּגעגעבן אין אַ קאַטוילישן אינסטיטוט כדי דערצויגן צו ווערן אַלס קאַטאָליקן; עס ווערט אפילו אָנגעגעבן, אַז ראַשעל איז געווען אָנוועזנד אין קאַטוילישן אַנשטאַלט אויף אַ פייערונג פון סוף שול-יאָר און אַז די פייערונג איז עקסטרע פּרעזידירט געוואָרן דורכן פּאַריזער אַרציבישאָף, וועלכער איז פּונקט ווי אין סאַלאָן פון דער מאַדאַם רעקאַמיע, ווידעראַמאָל געקומען און באַגריסט ראַשעלן פאַרן דערציען אירע קינדער אין קאַטוילישן גלויבן.

איך האַלט אָבער אַז דאָ הינקט עפּעס; אַז מיר

שטייען פאַר אַ נייע געשיכטלעכע אומפּינקטלעכקייט, וואָרם ווי איך האָב עס נאָר וואָס דערציילט, האָט דער גראַף וואַלעווסקי איר צוגענומען דעם זון און נישט ראַשעל האָט געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן זיין דערציאונג.

ווען וואַלעווסקי האָט איר צוגענומען דעם זון, איז ער אינגאַנצן אַלט געווען אַנדערטהאַלבן יאָר; אין דער ערשטער צייט, האָט ער ראַשעלן אַפילו נישט צוגעלאָזט צו איר קינד. עס איז באַקאַנט אַ זייער רירנדיקער בריוו פון ראַשעלן צום גראַף, פיל מיט מוטערלעכן פּראָטעסט, אין וועלכן זי שרייבט צווישן אַנדערעס: „וואָס האָט איר געליטן פאַר דעם דאָזיקן קינד, כדי זיך צו דערלויבן מיר אָפּצונעמען אים אָן רחמנות?". ראַשעל באַקומט דערנאָך ווידער דאָס רעכט צו זעען און האָבן ביי זיך איר זון און זי שרייבט אַ רירנדיקן בריוו צו וואַלעוו־סקים פרוי (ער האָט פאַר דער צייט חתונה געהאַט), פיל מיט דאַנקבאַרקייט.

איז ווי קען דאָ שטימען די געשיכטע אַז זי איז עס געווען די אָפּגעבערן פון אירע קינדער אין אַ קאַטוילישן אינסטיטוט?

אַוודאי אנערקענט נישט אונדזער וועלט די ליבע־פאַרבינדונגען, וואָס זענען נישט געהייליקט נישט דורך דער רעליגיע און נישט דורך דער מלוכה; אַזעלכע פאַר־בינדונגען ווערן נישט נאָר נישט אנערקענט, נאָר ווערן געטאַדלט אַלס זינד קעגן דער מאָראַל; צו איז די טאַד־לונג ריכטיק אָדער נישט, גייט נישט אַריין אין מיין איצטיקער אויפגאַבע; איך וויל נאָר ציען די אויפ־מערקזאַמקייט דערויף, דאָס אויב די פאַרבינדונגען זע־נען פאָרגעקומען און דערצו נאָך מיט קאָנסעקווענצן,

כ'מיין ראַשעלס באַציאונגען מיטן פּרינץ זשואַנוויל און מיטן גראַף וואַלעווסקי, פון וועמען זי האָט געבוירן אַ זון, וועלן קיין שום טאַדלונגען און פּאַראורטיילן נישט ענדערן דעם פאַקט אַז ראַשעל איז געווען די שנור פון קעניג לואי פיליפּ און פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן!

אויב איך צי די אויפמערקזאַמקייט דערויף, בין איך אַבסאָלוט נישט אויסן צו ווייזן, דורך דעם אַ וועג, דעם גרויסן יחוס צו וועלכן עס האָט זיך דערשלאָגן אַן אָרעם יידיש מיידל... ווי צוליב אַן אויסטערלישן קוריאָז וואָס די לעצט אָנגעוויזענע פאַרבינדונג פון ראַשעלן מיטן גראַף וואַלעווסקי האָט באַשאַפן; די אויסטערלישקייט ליגט אין דעם, וואָס נאַפּאָלעאָן דער ערשטער, נאַפּאָלעאָן דער גרויסער און דער אָרעמער אַלטוואַרג־הענדלער יעקב פעליקס וואָס האָט געשלעפּט זיין וועגעלע פון מאַרק צו מאַרק, זיי ביידע זענען געוואָרן מחתונים!

אַ געוויסן טאָג האָט מען אָנגעהויבן רעדן אין די טעאַטער־קרייזן און אין דער פּאַריזער געזעלשאַפט בכּלל, אַז די יונגע ראַשעל איז געוואָרן די געליבטע פון אַ געוויסער נישט זייער סימפּאַטישער פּערזאָן; דאָס איז געווען דער שוין דערמאָנטער און דאַן פּאָפּולערער דאָקטאָר וועראָן, וואָס האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין די שרייבערישע און קינסטלערישע קרייזן. אַז די ידיעה איז דערגאַנגען צום פּאָרפּאָלק קרעמיע, האָבן זיי ווי אירע זייער נאָענטע פריינד, פּרובירט אויף איר ווירקן זי זאָל איבעררייסן די פאַרבינדונג; ווען אָבער זייערע באַמיאונגען זענען געבליבן אָן רעזולטאַט, האָט אַדאָלף קרעמיע און זיין פרוי, פאַרמאַכט פאַר ראַשעלן די טירן פון זייער הויז. ערשט אין יאָרן אַרום, טראָץ

דעם רייכן ראָמאַנטישן לעבן אירן פאַר דער צייט פון זייער ברוגז, איז פאַרגעקומען דאָס איבערבעטן זיך. דער גרויסער קרעמיע האָט ענדלעך פאַרשטאַנען דאָס, וואָס עס האָט מיט אַ דריי־פיר צענדליק יאָר שפּעטער אַזוי וווּנדערבאַר פאָרמולירט אַ קרבן פון דער געזעל־שאַפטלעכער מאָראַל, אָסקאַר וואַיילד, דערקלערנדיק אַז „ער איז באַשאַפן געוואָרן פאַר אויסנאַמען און נישט פאַר געזעצן".

אויך ראַשעל האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע מענ־טשן וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פאַר אויסנאַמען; איר טאַלאַנט און איר לעבן זענען געווען אַן אויסנאַם.

„נישט סתם אין דער וועלט, האָט אַ פּשוט מיי־דל, באַרירט פון געטלעכן פונק, געלעבט אין דער ברוויזנדיקער און גראַנדיעזער געזעלשאַפט פון קאַרנעל און ראַסין. עפּעס פון זיי איז אַריבער אין איר", — האָט אין יאָר 1939 געשריבן וועגן ראַ־שעלן, עמיל ענריא.

אין שייכות מיט די אָנפאַלן און פאָרוואורפן אויף ראַ־שעלס חשבון מצד דער בירגערלעכער וועלט, זענען באַ־קאַנט רירנדיקע רייד, וועלכע זי האָט אַמאָל געזאָגט צו אַרסען הוסע:

„אויב די מאַכערס פון די סקאַנדאַליעזע כראָ־ניקעס, וועלן זיך אַ טאָג פאַרנעמען אויף צו דער־ציילן מיין לעבן, דערציילט עס דאַן אַליין מיט דער גאַנצער פּשטות. איר ווייסט ווייל אַז איך בין נישט דערצויגן געוואָרן אין קיין מאָנאַסטיר און אַז די וואָס קומען פון דאָרט אַרויס, זענען

נישט בעסער פון מיר, וואָרם איך האָב קיינעם נישט געטאָן קיין שלעכטס ווי נאָר זיך אַליין".

אַדאָלף קרעמיע ,ווי כ'האָב עס שוין דערציילט, פלעגט זיין איר עצה־געבער און אויך איר בריוו־שרייבער 1) דאָס לעצטע נאָר אין דער ערשטער צייט פון איר אויפ־גייענדיקן שטערן; ער איז אָבער פאַר איר געווען אַ לערער און ווי עס דערציילט ראַשעלס אַ ביאָגראַף, האָט ער מיט איר אויך געלערנט דעם תנ"ך, וואָרם ראַשעל האָט פון גאָרנישט געוווסט און אומעטום געהאַלטן אין איין לערנען, געלערנט מיט אַ שטוינענדיקער שנעלקייט און לסוף פאַראיבעריקט אַ סך ידיעות. איך האָב שוין דערמאָנט אַז ראַשעל איז אַ געוויסע צייט געווען אַ כלה און זייער ליב געהאַט איר חתן אנרי און אויב פון דעם שידוך איז גאָרנישט געוואָרן, איז עס ווידעראַמאָל גע־ווען איר אייגענע שולד; אַ נייער סענטימענט האָט אויפגעוואַכט אין איר האַרצן און געשטערט די אידי־ליע; עס זענען אָבער פאַראַן אַ ריי בריוו צו איר „טייערן אנרי" און אין איינעם פון זיי, ווען ער האָט זיך געפינען ווייט פון פאַריז ,שרייבט זי אים צווישן אַנ־דערס:

„כ'האָב מיך פאַרמאַכט מיט מיינע ביכער;

1) עס דאַרף אויך דערציילט ווערן אַז אַ חוץ אַדאָלף קרעמיע, האָט אויך ראַשעל פאַרמאָגט נאָך צוויי בריוו־שריי־בערס... דאָס זענען געווען, דער שוין דערמאָנטער א. פ. מאַנ־טעל און דער פּרינץ זשואַנוויל. די לעצטע צוויי האָבן פאַר־טרעטן אַדאָלף קרעמיע'ן ווען עס איז אַריינגעטרעטן דער ברוגז. אין גיכן האָט שוין ראַשעל געקאָנט אויסקומען אָן אַזאַ הילף. זי האָט זיך אָנגעהויבן אַליין אָן עצה טאָן.

כ'האָב פּרובירט לאַכן מיט בואַלאַ, כ'האָב אַנאַלי־
זירט מיט לאַבריער ; כ'האָב געשמועסט מיט דער
מאַדאַם דע סעוויניע און דערנאָך האָב איך אָפּגע־
רוט מיין נשמה און מיין האַרץ ביי דער ביבל ;
דאָס לעצטע האָט מיר געמאַכט גוט און שלעכט ;
כ'וועל אייך אַ טאָג זאָגן פאַרוואָס..."

אַוודאי קענען מיר פּרובירן זוכן די סיבה ,וואָס האָט איר פאַרשאַפט ווײ ביים לייענען די ביבל ; דער בריוו איז געווען געשריבן צו אַ מענטשן מיט וועמען זי האָט זיך געקליבן חתונה האָבן ,האָבנדיק הינטער זיך אַזאַ רייכע ראָמאַנטישע פאַרגאַנגענהייט... אפשר האָט זי זיך אָנגעשטויסן אין דער ביבל אויף שורות וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט איר אופן לעבן און זי האָט זיך געפינען געטראָפן, אַ פאַקט אַז זי האָט נישט געהאַט קיין מוט צו דערציילן אין איר בריוו די סיבה און גע־ענדיקט מיט „כ'וועל אייך אַ טאָג זאָגן פאַרוואָס".

אַוודאי וועלן מיר שוין נישט וויסן דעם סוד וואָס עס האָבן הינטער זיך באַהאַלטן אירע שורות, כ'האָב זיי אָבער דאָ געברענגט, פּונקט ווי כ'האָב דערציילט אַז זי האָט געלערנט תנ"ך ביי קרעמיע, כדי צו ווייזן אַז זי פלעגט פון צייט צו צייט זיך פאַרטיפן איבער דער ביבל, איבער ספר פון איר פאָלק וועמען זי איז געבליבן טריי, ביז צום לעצטן טאָג פון איר לעבן.

אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ רײ מאָמענטן און האַנד־לונגען פון אַדאָלף קרעמיע אין באַצוג צו דער אויפגייענ־דיקער יונגער קינסטלערן ראַשעל, דאָס אָפּגעבן זיין טייַ־ערע צייט אויף... שרייבן אירע בריוו ; אויף לערנען איר, אָנהויבנדיק מיטן תנ"ך ביז צום דערקלערן איר

דעם זין פון ווערטער וועלכע ראשעל האָט געהערט אַרום זיך און נישט פאַרשטאַנען; אויף געבן איר זיינע וואָגי־קע עצות ביי אַן אַ שיעור געלעגנהייטן און בכלל פאַר דער געזעלשאַפט וואָס זי האָט געפינען אין אים גופא און אין זיין שטוב ווי זי איז געווען ווי אַן אייגן קינד, האָלט איך פאַר וויכטיק אַרויסצוזאָגן מיין טיפע איבער־צייגונג, אַז אין דער פאַרמירונג און באַפעסטיקונג פון איר יידישן סענטימענט, און איר געשטאַרקטן יידישן באַ־ווסטזיין און געבונדנקייט מיט איר פאָלק, האָט אַדאָלף קרעמיע זיכער געהאַט אַ גאָר גרויסע ווירקונג; אים אפשר מער ווי אימיץ אַנדערשן ,האָבן מיר צו פאַרדאַנ־קען ראַשעלס כוח צו פאַרטיידיקן איר יידישקייט.

עס דאַרף דעריבער אויך דערציילט ווערן, אַז ראַ־שעל האָט פּרובירט צוריקגעווינען די פריינדשאַפט פון די קרעמיעס; כ׳וויים נישט צו עס זענען געמאַכט גע־וואָרן אויך אַנדערע פרובן, אָבער איינע אַזאַ איז פאָר־געקומען אין יאָר 1848 ,נאָך דער רעוואָלוציע; אין חודש פעברואר ,ווען קרעמיע איז געוואָרן דער גערעכ־טיקייטס־מיניסטער ,איז ראַשעל געקומען צו אים אין מיניסטעריום און איז דורך אים זייער פריינדלעך אויפ־גענומען געוואָרן. נאָך דעם וויזיט ,האָט זי געשריבן אַ בריוו צו דער מאַדאַם קרעמיע; די לעצטע וואָס האָט געזוכט אויסצוהיטן איר טאָכטער פון ראַשעלס „געפער־לעכער" געזעלשאַפט, איז נישט אַנטקעגן געקומען די פרובע פון איבערבעטן זיך.

אָט וואָס מיר לייענען אין דער מאַדאַם קרעמיעס בריוו:

„איך וועל אייך אַלזאָ זאָגן, אַז כ׳גלויב נישט מער אין אייער חרטה און אין דער מעגלעכקייט צו ענדערן אייער אופן לעבן; אונדזער שטוב וואָס איר האָט פריער געקאָנט, וועט אייך היינט פאַרשאַפן ווייניק פאַרגעניגן. נאָך דער דאָזיקער מיינונג וועלכער איך דרוק אייך דאָ אויס, וועט איר באַגרייפן, אַז איך קאָן אייך נישט אומקערן דאָס געפיל וואָס כ׳האָב געהאַט אַמאָל צום יונגן מיידל וואָס כ׳פלעג אויפנעמען ביי מיר״ א. א. וו.

דערהאַלטנדיק דעם בריוו, האָט ראַשעל אַ פאַרוויי־טיקטע, אָפּגעענטפערט דער מאַדאַם קרעמיע מיט פאָלגנ־דיקע שורות:

„מאַדאַם.

אויב מיין אימאַזשינאַציע וואָלט מיר דערלויבט צום טראַכטן, ווי ווייט מען האָט מיך באַרעדט פאַר אייך, וואָלט איך מיך נישט אַראָפּגעלאָזט צום שרייבן אייך מיינע אויפריכטיקע געדאַנקען און דעם פאַרלאַנג פון מיין האַרץ.

אייער ענטווער האָט מיך דערשיטערט און אַריינגעפירט אין אַ קעלט; דאָך האָב איך נישט קיין חרטה פאַרן האָבן געהאַט די האָפענונג וואָס עס גיט דער גלויבן אַז עס זענען נאָך פאַראַן אויף דער ערד באַרמהערציקע מענטשן און דערהויבענע נשמות.

זאָל אייך גאָט היטן און באַשיצן, אייך און אייערע נאָענטע.

ראַשעל״.


Madame,

Rachel

24 avril
1843.

PHOTO B. N.

ראשעלס בריוו צו דער מאדאם קרעמיע
(יידישער טעקסט, זייט 130)

נאָכן דורכלייענען די אַלע געברענגטע ידיעות וואָס דערציילן וועגן ראַשעלס יידישקייט, וועגן איר עקשנות־דיקן אַנטקעגנשטעלן זיך אַלע פּרובן צו ווירקן אויף איר איבערצייגונגען מיט איר פאָלק, קען אַרויסשווימען די פראַגע:

— אויב ראַשעל איז געווען אַזוי צוגעבונדן צום יידנ־טום, זיך געפילט אַזוי יידיש, געווען שטאָלץ מיט אירע באַרימטע יידן און מיט יידן בכלל, ווי קומט עס וואָס זי האָט געהאַט נישט־יידן אַלס געליבטע און געהאַלטן אויך ביי חתונה האָבן מיט נישט־יידן?

אויב די פראַגע שווימט אַרויס, געשעט עס זיכער ביי מענטשן וואָס קומען פון די אַמאָליקע גרויסע יידי־שע צענטערן ווי פּוילן, ליטע, אוקראַאינע א. א. וו. ווי יידן האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט פון דער נישט יידישער באַפעלקערונג און אַ שידוך צווישן אַ ייד און נישט־ייד איז געווען שוין צוליב דעם תהום פון יידן־האַס, אַ גאָר זעלטענע זאַך און אויב עס איז שוין יאָ געשען, איז עס כמעט אַלעמאָל געווען פאַרבונדן מיט שמד, איז פאַרשטענדלעך דער רושם וואָס אַזאַ שריט פלעגט מאַכן און ווי אַזוי מען האָט דערויף געקוקט.

אין די מערב־לענדער און ספּעציעל אין פראַנקרייך, האָט דער תהום נישט אָנגענומען אַזאַ כאַראַקטער ווי אין מזרח און דערצו האָט אַ חתונה צווישן אַ ייד און קריסט נישט געמוזט זיין באַגלייט מיט קיין שמד־אַקט, האָט די צאָל פון געמישטע חתונות, דער עיקר אין נישט־פרומע יידישע קרייזן, אָנהויבנדיק פון 19־טן י. ה. גע־האַלטן אין איין פאַרגרעסערן זיך.

נאָך דריי יאָר שפּילן אין דער פראַנצויזישער קאַ־מעדיע, ווען איר רום איז אויסגעוואַקסן געוואַלטיק גרויס, ווערט ראַשעל איינגעלאַדן אויף גאַסטראָלן קיין ענגלאַנד; זי האָט דאָרט אַן אויסערגעוויינלעכן דער־פאָלג; ווערט אויפגענומען קעניגלעך און טאַקע דורך דער קעניגין וויקטאָריאַ גופא, וואָס שענקט איר אויך פּרעכטיקע מתנות. אין יענע טעג, דאָס איז געווען אין חודש מאַי 1841, שרייבט זי פון לאָנדאָן אַ בריוו צו די קרעמיעס וואָס הויבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע שורות:

„כ'האָב קוים געהאַט אַוועקגעשיקט מיין לעצטן בריוו ,ווי זייער אַן ערנסטע קראַנקהייט, איצט נישט קיין געפערלעכע, האָט אויפגעהאַלטן דעם גאַנג פון מיינע פאָרשטעלונגען. דער נאָמען פון דער קראַנקהייט איז, בלוטשטורץ; כ'בין געלעגן פיר טעג אין בעט און צו מיין ערשטן אַרויסגיין, איז מיין שוואַכקייט געווען גאָר גרויס".

זי איז דעמאָלט אַלט געווען צוואַנציק יאָר סך הכל; איר רום איז געווען גרויס און געהאַלטן אין איין שטייגן, אָבער גלייכצייטיק האָט זיך אין איר אָנגעהויבן אַנט־וויקלען אַ שווערע קראַנקהייט ,וואָס האָט אַזוי פרי פאַר־שניטן איר לעבן.

ראַשעל איז פון די סאַמע פריסטע יאָרן אָן געווען אַ שוואַך קינד; זי איז זייער גיך אָפּגעשטאַנען, שנעל מיד געוואָרן; מעגלעך אַז דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אירע קינדער יאָרן ,פון נישט דערעסן צו דער זעט, פון זיין אונטערדערנערט; אַ הונגעריקע קינדהייט; בעתן לערנען אין דער דראַמאַטישער שול און דערנאָך אין

דער קאָנסערוואַטאָריע געאַרבעט שווער, שטייענדיק שוין פון זעקס אין דערפרי אויף אירע פיס. אין פיל פון אירע בריוו ,ווען זי איז נאָך אינגאַנצן אַלט געווען 18 - 19 יאָר טרעפן מיר אָפּט אָן אויף קלאָגן זיך, אַז זי הוסט אַ סך, אַז זי פילט זיך זייער שלעכט אין פייכטע וועטערן און קלאָגט זיך אָפּט אויף שוואַכקייט .עס זענען געווען פאַלן, אַז פאַרלאָזנדיק די סצענע, פלעגט זי פון מיד־קייט חלשן ; ס׳זענען אויך געווען פאַלן פון חלשן בעת פאָרשטעלונגען גופא און מען איז געווען געצווינגען צו מאַכן אַן איבערייס.

איך האָב מיך שוין אייניקע מאָל אָפּגעשטעלט אויף אַלפרעד דע מיסע׳ס „אַ מאַלצייט ביי ראשעלן” און ביז איצט געצווונגען, אין שייכות מיט ראשעל׳ס שוואַכן געזונט־צושטאַנד, ווידער אַמאָל זיך אומצוקערן, דאָס לעצטע מאָל, צו דער דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג כדי צו באַרירן אַ נייעם, שווידערלעכן בלבול, וואָס די יידן־פיינט האָבן אַריינגעשמוגלט און אַריינגעטייטשט אין דעם דיכ־טערס שורות און אַפילו געפעלשט זייער זין, אַבי צו קענען אָנגיין מיט זייערע רכילות׳ן קעגן אונדזער פאָלק.

איך האָב שוין אַביסל איבערגעגעבן, דערציילט עפּעס פון די דיאַלאָגן פון „אַ מאַלצייט ביי ראשעלן” אָבער נאָכן האָבן פאַרענדיקט דאָס עסן איז דער שמועס אַוועק וועגן די פרישע פאָרשטעלונגען וועלכע מען גרייט אין טעאַטער און די הויפּט שמועסרן איז טאַקע געווען ראשעל ; עס האָט זיך געהאַנדלט אַרום דעם ווערק „פעדר” פון ראַסין ,וואָס די יונגיטשקע ראשעל, דאַן נאָר 18 יאָר אַלט, האָט אומבאַדינגט געוואָלט אויס־פירן און פון אַלע זייטן, האָט מען טאַקע צוליב איר

יונגקייט, געהאַלטן אַז זי וועט זיך נישט קיין עצה טאָן מיט דער שווערער ראָלע.

אין מיטן דעם שמועס ,ווען ראשעל האָט זיך זייער געקאָכט, מישט זיך אַריין די מוטער:

„מיין קינד, דו הערסט נישט אויף צו רעדן;
דו פאַרמאַטערסט זיך; היינט האָסטו אום זעקס
אין דער פרי זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן:
כ'וויים נישט וואָס דו האָסט אין דיינע פּיס. דו
רעדסט אַ גאַנצן טאָג און דו האָסט נאָך געשפּילט
היינט אָוונט; דו וועסט דיך קראַנק מאַכן".

אַזוי לייענען מיר ביי אַלפרעד דע מיסע, ווי אַזוי די מוטער ,וואָס האָט געקאָנט איר קינד ,איר שוואַכע ראשעל, בעט זי זיך ביי איר זי זאָל אַביסל אָפּרוען איר האַלדז!

„דו וועסט דיך קראַנק מאַכן".

דערנאָך דערציילט דער דיכטער ווי אַזוי ראשעל האָט געלייענט פאַר אים ,ביז שפּעט ביי נאַכט די פּערזן פון ראַסינ'ס „פעדר", דאָ איז אַהיינגעקומען איר פאָטער און מיסע שרייבט:

„עס איז געוואָרן האַלב איינס. דער פאָטער איז
געקומען פון דער אָפּערע; ווי נאָר ער האָט זיך
אַוועקגעזעצט, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דער טאָכ־
טער, צוויי־דריי ברוטאַלסטע ווערטער, כדי זי זאָל
זאָפאָרט איבערייסן דאָס לייענען.

ראשעל האָט פאַרמאַכט דאָס בוך זאָגנדיק:

— ס'איז אומדערהערט! כ'וועל מיר קויפן
פייער־צייג און וועל לייענען ביי מיר אין בעט"
כ'האָב שוין דערמאָנט אַז יעקב פעליקס איז געווען

אַ שווערער מענטש, אויב אָבער ער איז אַזוי ברוטאַל
אַרויס קעגן דער טאָכטער, צווינגענדיק איר, איבערצו־
רייסן דאָס לייענען, האָט דאָס נישט געקענט זיין צוליב
דער זעלבער סיבה צוליב וועלכער איר מוטער האָט זיך
ביי איר געבעטן, זי זאָל אויפהערן רעדן ,זי זאָל אַביסל
רוען ?

ווער נאָך ווי יעקב פעליקס און זיין ווייב האָבן גע־
קענט וויסן ,ווי ווייט שוואַך זייער געראָטן קינד איז ?

אָט די פרובע מצד עלטערן אָפצוהיטן זייער קינד פון
איבערטרייבן, פון מיסברויכן מיט איר שוואַך געזונט,
אָטאָ די פרובע וואָס איז אַזוי נאַטירלעך מענטשלעך,
ווערט אויף אַן אומדערהערטן, נישט מענטשלעכן אופן,
שוידערלעך פאַרקריפלט דורך די יידן־פיינט, דורך זייער
דערקלערן, אַז יעקב פעליקס האָט געמאַכט דעם סקאַנ־
דאַל צוליב... קאַרגשאַפט, כדי ראַשעל זאָל נישט אויס־
נוצן קיין ליכט...

קען מען נאָך אַרויסווייזן אַ גרעסערע געפאַלנקייט ?

אויף דער דאָזיקער געפאַלנקייט איז טאַקע פעאיק גע־
ווען דער אַקאַדעמיקער מאָרים דאָנע, וואָס טראָגט אונ־
טער די געשיכטע אויף פאָלגנדיקן אופן :

„ער קומט פון דער אָפערע (דער פאָטער) ווו
ער האָט געזען די מאַדמואַזעל נאטאַן דעביוטירן
אין „די יידין". קוים זיך אַוועקגעזעצט ,וועגדט
ער זיך מיט ברוטאַלע ווערטער צו דער טאָכטער,
פאָדערנדיק איבערצורייסן דאָס לייענען, ווייל זי
נוצט נישט נויטווענדיקערהייט דאָס ליכט". 1)

Maurice Donnay : Musset et l'Amour. Editions Flammarion. Paris 1926.

קען עס דען דעם לייענער פון דעם אַקאַדעמיקערס בוך, איינפאַלן, אַז די מעשה מיטן ייד יעקב פעליקס, וואָס זוכט אָפּצוראַטעווען אַ שטיקל ליכט, איז אינגאַנצן נישט פאַראַן ביי אַלפרעד דע מיסע? קען אים דען איינפאַלן, אַז ער ווערט באַאיינפלוסט דורך אַ מיאוסן ליגן?

די ביטע פון דער מוטער, ראַשעל זאָל אויפהערן רעדן, זי זאָל אָפּרוען דעם האַלדז. זי זאָל זיך ווייניקער פאַרמאַטערן, דאָס האָט דער איידעלער אַקאַדעמיקער, נישט באַמערקט, ער האָט עס אינגאַנצן נישט געזען, די רייד וועגן נישט נוצן אומנויטיק דאָס ליכט, וואָס זענען ביי אַלפרעד דע מיסע אינגאַנצן נישט פאַראַן, אַפילו נישט קיין אָנצוהערעניש דערויף, די רייד האָט מאָרים דאָנע, יאָ אַרויסגעלייענט!...

אין „אַ מאָלצייט ביי ראַשעלן", רעדנדיק וועגן די אַלע פּובליקירטע אַרטיקלען אין דער פרעסע אויף איר חשבון, זאָגט די יונגע ראַשעל צו אַלפרעד דע מיסע:

„יאָ, כ'האָב געלייענט געוויסע אַרטיקלען פיל מיט אויפריכטיקייט און געוויסן און איך קען נישט קיין בעסערע און מער נוצלעכערע זאַך; ס'זענען אָבער פאַראַן אַזוי פיל לייט, וואָס באַנוצן זייער פעדער אויף צו זאָגן ליגנט, אויף צעשטערונג. זיי זענען ערגער פון גנבים און מערדער. זיי דערהרגענען די נשמה מיט זייערע שפּילקע־שטעך. מיר דוכט אַז כ'וואָלט זיי פאַרסמט".

מען קען פון די רייד, פאַרשטיין וואָס די אַזוי יונגע ראַשעל האָט שוין געהאַט אויסצושטיין און אויסצולײַדן פון דער קאַטעגאָריע לייט וואָס „זענען ערגער

פון״ א .א. וו. א. א. וו.... אין וועלכע עס פּאַסט זיך אַזוי וווּנדערבאַר אַריין דער אַקאַדעמיקער מאָרים דאַנע!

כ׳האָב געהאַלטן פאַר וויכטיק אָנצוּווייזן ווי ווייט עס זענען אַוועק די שונאי ישראל אין זייער מלחמה קעגן ראַשעלן די יידישקע און קעגן יידן בכלל, אָבער ראַשעלס שוואַכקייט און די שרעק פון אירע עלטערן פאַר איר געזונט, איז ווי מיר זעען, שוין געקומען צום אויסדרוק ביים דיכטער אַלפרעד דע מיסע ,ווען די קינ־סטלערן איז אינגאַנצן אַלט געווען נאָר 18 יאָר .

איר שוואַך געזונט, האָט איר נישט דערלויבט צו שפּילן מער ווי צוויי מאָל אַ וואָך און נאָך אַ פאָרשטע־לונג אַן אָנשטרענגנדיקע איז נאָכגעקומען אַ פאָרשטע־לונג אַ„לייכטערע״ און אַז עס איז געקומען רום און געלט, זענען געקומען פריינד, אַ סך פריינד, צופיל פריינד, פאַרבינדונגען, איינלאַדונגען, וויזיטן, פאַרוויי־לונגען טריאומפן, אַ כסדרדיק אויפזיין ביז אין טיפער נאַכט 1). ראַשעל האָט זיך נישט געשוינט ; געמאַכט פאַרמאַטערנדיקע רייזעס איבער שטעט און לענדער. נישט געוווּסט פון קיין רו ; געטריבן דורך דעם געוואַל־טיקן כוח פון איר קונסט, צו באַווייזן זיך מיט איר שפּיל און פאַרברענט איר וווּנדערבאַר לעבן. די פאַרבאַהאַל־טענע קראַנקהייט האָט געטאָן איר צעשטערישע אַר־בעט ; עס האָט זיך לסוף ענטוויקלט דער טובערקולאָז, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו אַלעם.

---

1) „ווער ווייס וויפל ראַשעל איז נישט דערשלאָפן, כדי צו שטודירן איר קונסט אין די קרעאַציעס פון די ראָלן וואָס האָבן איר אַזוי באַרימט געמאַכט ?״ שרייבט איר דאָק־טאָר טאַמפּיע.

ווען עס איז שוין געווען שפּעט, צו שפּעט, האָט זי פּרובירט עפּעס טאָן, פּרובירט זיך ראַטעווען דורך פאַרן קיין עגיפּטן; מען האָט איר פאַרזיכערט אַז די דאָר־טיקע זון וועט איר ראַטעווען, אָבער אין מצרים זייענדיק האָט זי געפילט אַז די ווייטע רייזע איז געווען אַן אומ־זיסטע; אַז אירע כוחות פאַרלאָזן איר פון טאָג צו טאָג אַלץ מער.

אין ווייטן מצרים, אין שאָטן פון די פּיראַמידן, אָפּ־געריסן פון איר וועלט, פון איר מיליע, פון טעאַטער, פון אירע פריינד, פון דעם וווּנדערלעכן פּאַריז, האָט זי אין איר איינזאַמקייט און שוואַכקייט געשריבן צו אַרסען הוסע:

„איך דערמאָנט אייך ווען מיר פלעגן רעדן וועגן מיין קאַריערע... מיין קאַריערע פון מירמל־שטיין, יאָ, פון מירמלשטיין פאַר מיין קבר... איך האָב געוואָלט לעבן ווי אַ נאַשערן און כ'האָב אין איינציקע יאָר פאַרשלינגען מיינע טעג און מיינע נעכט".

„כ'האָב מיך געגלויבט פּיראַמידעאַרטיק און כ'בין מודה אַז כ'בין נישט מער ווי אַ שאָטן וואָס פאַרגייט... וואָס איז שוין פאַרגאַנגען".

וואָס פאַראַ מעלאַנכאָליע!

וואָס פאַראַ שורות!

„כ'בין דאָ אַהערגעקומען — שרייבט זי אין דעם זעלבן בריוו — כדי צוריקצוגעפינען דאָס לעבן וואָס גליטשט זיך פון מיר אַרויס און כ'זע דעם טויט אַרום מיר. אַז מען איז געליבט אין פּאַריז, דאַרף מען דאָרט שטאַרבן. גרייט מיר גיך אַ קבר אויפן

פער לאַ שעז און גראָבט מיר אויך אַ גרוב אין
אייער גערעכעניש".

ראַשעל, וואָס מען האָט גערדאָרפן אָנהויבן פון לערנען איר שרייבן, האָט אין איר לעבן געשריבן אַ סך בריוו און דערגייכט אַזאַ מדרגה פן פאָלקאָמענהייט און גייסט־רייכקייט, אז אַרסען הוסע האָט איר אַמאָל פאַרגליכן מיט דער מאַדאַם דע סעוויניע; זי איז אין זיי ארויפגעשטיגן צו דער הויך פון אַ פּיראַמידע.

מיטן פארגלייכן ראַשעלן צו דער באַרימטער בריוו־שרייבערין פון 17־טן י. ה. איז אַרסען הוסע נישט געווען דער איינציקער, אין די דאָקומענטן וואָס נעמען אַרום ראַשעלס לעבן איז פאַראַן אויך אַן אָפּהאַנדלונג פון אַ געוויסן י. ל. קראַז, אַ דראַמאַטורג און טעאַטער־קריטיקער א. נ. „די צוויי בריוו־שרייבערנס, מ"ם דע סעוויניע און ראַשעל" אין וועלכן דער מחבר רעדט מיט פיל באַגייסטע־רונג וועגן דער לעצטער 1).

אויך זשיל קלאַרעסי שרייבט וועגן דעם:

„די בריוו פון דער גרויסער ראַשעל וואָס זענען
באמת גלענצענדיק, פאַרדינען אַז זיי זאָלן אויף קיין
פאַל נישט פאַרלוירן גיין. זי איז אין איר קאָרעס־
פּאָנדענץ אמתדיק פרוי, אמתדיק אָנציענדיק און
גייסטרייך".

עס איז כמעט ווי זיכער, אַז אין פארגלייכן ראַשעלס בריוו צו די פון דער מאַדאַם סעוויניע, איז פאראַן אַן איבערטרייבונג, אָבער בלויז דער פאַקט אַז אַזאַ פאר־

(1) J. L. Croze : Deux Epistolières : Mme de Sévigné et Rachel. (Extr. des Tablettes de la quinzaine.) I. XI. 1923.

גלייך איז מעגלעך געוואָרן, דערציילט שוין גענוג וועגן זייער אינטערעסאַנטקייט און וואַגיקייט.

ראַשעל קומט צוריק קיין פּאַריז אַ מער קראַנקע ווי זי איז עס געווען צום אָפּפאָרן. זי ליקווידירט איר קליינעם רייכן האָטעל אויף דער רי טרידאַן 1) וואָס דערמאָנט איר, אירע גליקלעכע טעג פון די גרויסע סצענישע טריומפן, איר שיינע גליקלעכע צייט, ווען זי האָט געקיניגט אין פּאַריז און ציט זיך אַריין אויף דעם פּלאַץ דע וואָזש נ. 9. אין די גרויסע צימערן וואָס האָבן אַזאַ רייכע געשיכטע הינטער זיך. זי האָט געפילט אַז דער סוף איז נאָענט און געזאָגט מיט אַ שמייכל, אַז די וווינונג האָט זי עקסטרע געדונגען, כדי אירע פריינד, זאָלן בעת איר לויה האָבן מער פּלאַץ: „עס זאָל זיי זיין באַקוועמער...״ 2)

דאָ, אין דעם דאָזיקן הויז, אין דעם יאָרהונדערטער אַלטן אַריסטאָקראַטישן האָטעל, האָט ראַשעל געוואַרט אויפן טויט.

דורך די גרויסע פענסטער פון ערשטן שטאָק, האָט זי געזעען דאָס הויז ווו עס איז מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, געבוירן געוואָרן די מאַדאַם דע סעוויניע; אַנטקעגן איבער, טיף אין ווינקעל, האָט זי געזעען דאָס הויז פון אַנטלאָפענעם, גלות־אָפּריכטנדיקן וויקטאָר הוגאָ, צו וועמען אין שטוב זי איז אייניקע מאָל אַרויפגעקומען. אַרומקוקנדיק דורך איר פענסטער, האָט זי געזעען זיך אַליין, ווען זי פלעגט דאָ אַזוי פיל מאָל פאַרבייגיין מיט איר

1. איר האָטעל אויף דער רי טרידאַן עקזיסטירט נישט מער; נישט דער האָטעל און נישט די גאַס: ביידע זענען זיי אָפּגערוימט געוואָרן, כדי אויף דעם אָרט אויפצובויען די היינטיקע אָפּערע.

(2) Lucien Lambeau. La Place Royale. Paris 1906.

שוועסטער שרה, נאָך אַ טאָג וואַנדערן און זינגען איבער דער שטאָט, באָרוועס און הונגעריק, פיל מיט זאָרג פאַר דער אויפנאַם וואָס וואַרט איר אָפּ, מצד איר שטרענגן טאַטן...

זי האָט געגלויבט דאָ צו שטאַרבן, אָבער געשען איז עס אַנדערש:

אירע פריינד פועלן ביי איר זי זאָל פאַרלאָזן דאָס האַרבסטיקע פּאַריז און פאָרן אויף דער ריוויערע, וווּ עס איז פאַראַן זון.

אין אַ טריבן נאָוועמבער־טאָג, הייסט זי זיך ברענגען אַ פיאַקר; זי דערלאָזט נישט קיינעם פון אירע נאָענטע איר צו באַגלייטן און הייסט זיך פירן צום טעאַטער „זשימנאַז", וווּ זי איז צום ערשטן מאָל אויפגעטרעטן אין עלטער פון 16 יאָר; זי פאַרהאַלט זיך דאָ אייניקע מינוט און דערנאָך הייסט זי זיך צופירן צו דער געביידע פון דער פראַנצויזישער קאָמעדיע; צום טעמפּל פון איר גרויסן רום, וווּ דער פיאַקר פאַרהאַלט זיך אויף דאָס ניי; מען קען זיך משער זיין, וואָס די קראַנקע קינסטלערן האָט איבערגעלעבט אין יענע מינוטן; איר מצב איז געווען אַזאַ, אַז זי האָט געוווּסט אַז זי זעט דאָס טעאַטער, צום לעצטן מאָל אין איר לעבן.

דאָס איז אייגנטלעך געווען נישט נאָר איר לעצטער בליק אויפן טעאַטער אין וועלכן זי האָט אָפּגעהאַלטן אַזוי פיל טריאומפן, נאָר עס איז אויך געווען איר לעצטער טאָג פון זעען פּאַריז.

דעם זעלבן אָוונט איז זי אָפּגעפאָרן קיין מאַרסעל. דאָרט האָט איר אָפּגעוואַרט די יאַכט פון פּרינץ זשעראָם באָנאַפּאַרט, וואָס האָט איר געברענגט קיין קאַנע און דאָ



פּאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער

ראַשעלס וווינונג אויף פּלאַץ דע וואָזש נ. 9
(אַלע פענסטער פון ערשטן שטאָק)

אין דעם פּרעכטיקן ווינקל פון דער ריוויערע, האָט זי דעם דריטן יאַנואַר 1858 געענדיקט איר לעבן.

זי האָט כסדר געשריבן אירע אינטערעסאַנטע בריוו; צוריקגעשיקט געוויסע בריוו צו די וואָס האָבן איר די שורות געשריבן אין די טעג ווען זי איז געווען געזונט און שיין. סוף דעצעמבער האָט זי צו פיל פון אירע פריינד אַרויסגעשיקט ניי־יאָר ווינטשן וואָס זענען אָנגעקומען צו־זאַמען מיט דער ידיעה וועגן איר טויט.

זי איז געשטאָרבן ביים סאַמע קלאָרסטן באַוווסטזיין, דאַנקענדיק מיט אירע בליקן, איר שוועסטער שרה, פאַרן אַראָפּברענגען אַ מנין יידן וואָס האָבן אין שכנותדיקן צימער, געזאָגט תהילים ביי אָנגעצינדענע ליכט און אַז אייניקע יידן האָבן זיך דערנעטערט צו איר בעט, האָט מען איר געהערט נאָכזאָגן זייערע תפילות. דאָס זענען געווען אירע לעצטע ווערטער.

איר קערפּער ווערט צוריקגעברענגט קיין פּאַריז און טאַקע פון דער זעלבער וווינונג, אויפן פּלאַץ דע וואָזש נ. 9 וואָס זי האָט געדינגען „אַז אירע פריינד זאָל זיין באַקוועמער”, איז דעם 11־טן יאַנואַר, אין אַ טריבן רעגנ־דיקן טאָג, אָפּגעגאַנגען אירע לויה.

באַגלייטן אויף איר לעצטן וועג צום פּער לאַ שעז, ווו זי רוט אין דער אַלטער יידישער אָפּטיילונג, זענען געקו־מען די סאַמע באַרימטסטע פּערזענלעכקייטן פון איר צייט און גרויסע מאַסן פון פּאַריזער פאָלק.

צווישן די מאַסן האָבן זיך געפינען אַ סך נייגערי־קע, וואָס האָבן געוואָלט וויסן אויף זיכער, צו די גע־שטאָרבענע איז טאַקע געשמד...

פיל מיט פּאַרדרוס, צוליב דעם ווידער אויפגעהויבענעם



דאָס קבר פון ראַשעל אויפן בית־עולם
פּער - לאַ - שעז

Collection Viollet.

שמועס מכוח איר קריסטלעכקייט האָט דער הויפּט־ראַבינער איזידאָר, געזאָגט ביים אָפענעם קבר :

„מיט מיין אַנוועזנהייט און מיט מיינע רייד, בין איך אויסן אָפּצולייקענען די קלאַנגען וואָס זענען אַרומגעגאַנגען אויפן חשבון פון דער געשטאָרבענער. איך האָב געהאַט אָפטע רעליגיעזע אונטערהאַלטונגען מיט ראַשעלן ; איר פיינע אינטעליגענץ, האָט פאַרשטאַנען צו געפינען אין איר רעליגיע, די ערשטע און די מוטער פון אַלע, גענוג באַפרידיקונג פאַר איר האַרץ און פאַרשטאַנד און זי האָט קיינמאָל נישט געטראַכט אָפּצוזאָגן זיך פון איר גלויבן. זי האָט פאַרמאָגט גענוג כבוד כדי נישט צו דערזערטירן פון גלויבן פון אירע זיידעס. ראַשעל איז געבוירן אַ יידיש קינד און איז געשטאָרבן אַ יידיש קינד". 1)

עס איז אויך געווען אַ גרויסע איבעראַשונג פאַר די מאַסן אַרטיסטן ווען דער פאַרטרעטער פון זייער פאַרבאַנד האָט ביים געזעגענען די געשטאָרבענע, אויסגערופן :

„יאָ, מיינע הערן, די פרוי וואָס ליגט דאָ, איז

---

1) ביי דער געלעגנהייט, מוז דער שרייבער פון די שורות, ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף אַן ענין וואָס איז מערקווירדיק אינטערעסאַנט :

ראַשעלס איינציקער ברודער איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן און איז דאָרט אויך מקבר געוואָרן און איר סאַמע יונגסטע שוועסטער דינה, וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 1909, ליגט אויפן בית־עולם אין פאַסי,)פּלאַץ טראַקאַדעראַ). דאָס מערקווירדיקסטע ליגט אין דעם, וואָס אינעם קבר אויף דעם פּער־לאַ־שעז, צוזאַמען מיט ראַשעלן, ליגן אירע עלטערן און אַלע איבעריקע שוועסטער ; מיט איין וואָרט, דער גורל האָט געוואָלט אַז שרה, רבקה, רחל (ראַשעל) און לאה, זאָלן ליגן אין איין קבר...

געוועזן באַרמהערציק און פון איר ברייטער האַנט, איצט אַ פאַרשטייפטע, האָבן מיר אָפט באַקומען פאַר די אָרעמע אַרטיסטן, ממש קעניגלעכע נדבות. איך ווייס אַז איר ווייסט עס נישט, ווייל איר איז געוועזן פרעמד דאָס געפיל פון איבערנעמען און רימען זיך מיט איר וווילטעטיקייט". 1)

„פאַרלירנדיק ראַשעלן, האָט פראַנקרייך פאַרלוירן די סאַמע גרעסטע טראַגיקערן וואָס זי האָט ווען ס'איז געהאַט".

האָט געשריבן, גלייך נאָך איר טויט, אַ באַדייטנדיקער פאַריזער קונסט־קריטיקער און 25 יאָר שפּעטער, האָט פראַנסיסק סארסעי געשריבן אין „לע טאַן":

„כ'גלויב נישט אַז וועלכער עס איז דראַמאַטישער אַרטיסט, אַפילו נישט טאַלמאַ און נישט די מאַדעמואַזעל מאַרס, זאָלן ווען ס'איז האָבן אויסגעאיבט אויף זייער דור, אַזאַ געוואַלטיקן צויבער.

דער עפּיטעט, גרויס, וועלכן מיר געבן נאָר צו זיגער און דיכטער. איז איר געגעבן געוואָרן איינשטימיק דורך אירע צייט־מענטשן און נאָך איצט, זאָגן מיר, גאַנץ פשוט, די גרויסע ראַשעל".

הונדערט יאָר איז שוין פאַרביי, אַז די קינסטלערן, וואָס האָט אָנגעהויבן אַלס גאַסן־זינגערן, און דערגרייכט דעם גרעסטן רום, איז געשטאָרבן. די שטאָט פאַריז האָט פאַראייביקט איר אָנדענק מיט אָנרופן איינע פון אירע אַוועניס אויף ראַשעל'ס נאָמען וואָס איז היינט צו טאָג, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעגענדע.

(1) L' « Univers israélite » N° 6, février 1858.

שלוס - וואָרט.

זייענדיק די לעצטע יאָרן באַשעפטיקט איבער „מאַטעריאַלן פאַר געשיכטע פון יידן אין פאַריז", האָב איך אויך געהאַט בדעה צו ווידמען אייניקע זייטלעך, דער גרויסער ראַשעל, וואָס איז ביז גאָר באַרימט אין דער נישט־יידישער וועלט און אַ סך ווייניקער באַקאַנט דעם יידישן עולם, וואָס איז שטאָלץ פונעם באַוווסטזיין אַז מיר האָבן פאַרמאָגט אַזאַ גרויסע קינסטלערן, אָבער וועגן וועלכן ער וויים כמעט ווי גאָרנישט און אויב דער יידישער עולם וויים אַזוי ווייניק, אַזוי נעבעכדיק ווייניק וועגן ראַשעל'ן, איז עס אין דער ערשטער ריי דערפאַר, וואָס צווישן אַלע אירע ביאָגראַפן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך און דאָס איז דאָך דער עיקר־קוואַל פון איר געשיכטע, פיגורירן בכלל נישט קיין יידישע מחברים, מיטן אויסנאַם פון דעם שוין דערמאַנטן פּאָל האַגענאַער, וועמענס בוך „ראַשעל", איז דערשינען ערשט אין יאָר 1958 ; אין די טעג ווען כ'בין געווען באַשעפטיקט מיט דער זעלבער טעמע.

ווי אַזוי עס האָט געקענט מעגלעך ווערן, אַז יידן זאָלן זיך נישט האָבן באַשעפטיקט מיט דעם לעבן און פערזענלעכקייט פון אַזאַ פענאָמענאַל יידיש קינד, איז אַבסאָלוט נישט פאַרשטענדלעך, אָבער דער רעזולטאַט

דערפון איז דער, אַז די ברייטע יידישע וועלט, ווייס כמעט גאָרנישט וועגן איר,, אָדער נאָר דאָס, וואָס עס האָבן וועגן איר געשריבן און דערציילט די נישט־יידישע היסטאָריקער, וואָס טיילן זיך אין צוויי קאַטעגאָריעס: גרויסע פאַרערער פון איר קונסט און גרויסע שונאים פון יידן בכלל און ממילא פון דער גרויסער ראַשעל, אויף וועמען זיי האָבן אויסגעטראַכט אַלדאָס בייז, ווי כ'האָב עס פּרובירט ווייזן אין מיין עסעי.

ס'איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן, אַז די אַלע בלבולים וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן אויף ראַשעלן און אין וועלכע אַזוי פיל מענטשן האָבן געגלויבט, (און גלויבן ביז היינט צו טאָג), האָט אויך אָנגעשטעקט די שרייבער־יידן, און זיי האָבן פּשוט, מורא געהאַט פאַר דער טעמע... און זי אויסגעמיטן!·

אין די פּאָר זייטלעך וועלכע כ'האָב געהאַט בדעה צו ווידמען ראַשעלן, האָב איר נאָר געוואָלט פאַרנאָטירן די איינגעהיטע ביז היינט, הייזער און בכלל ערטער, ווו ראַשעל האָט געלעבט און געווען אַקטיוו; אָבער אַז כ'האָב מיך אָנגעהויבן צורירן צו איר געשיכטע, בין איך געוואָרן אַזוי געוואַלטיק פאַרכאַפּט פון דעם סיוזשעט, אַז אנשטאָט אייניקע זייטלעך נאָר, איז געבוירן געוואָרן די דאָזיקע עסעי, וועלכע כ'האָב געשריבן, כ'בין מודה, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

ווי דער לייענער קאָן זען פון דער עסעי, איז ראַשעלס לעבנס־געשיכטע, פון אַלע שטאַנדפּונקטן, אַזוי געוואַלטיק אינטערעסאַנט, אַז מען קען איר ווידמען מערערע בענדער, וואָס זאָלן געלייענט ווערן מיט אַ שפּאַנענדיקן

אינטערעס. מיך אָבער האָט דער עיקר אינטערעסירט איר ייִדישקייט; איר ייִדישער סענטימענט.

צום באַדויערן, האָבן מיר די באַדינגונגען נישט דער־לויבט אַדורכצופירן אַ ברייטערע פאָרשונג כדי אַרויס־צופירן דאָס אַלץ, וואָס איז נאָך פאַראַן אויף דעם געביט צו טאָן און צו דערציילן. איך בין כסדר געווען געצוווּנגען אויסצולאָזן נאָך און נאָך מאַטעריאַלן און געפירט אַ שווערע מלחמה מיט זיך אַליין, קעגן מיין פעדער, וואָס האָט נאָך אַזוי פיל געוואָלט דערציילן וועגן דער ייִדישער ראַשעל. די רויע, ברוטאַלע פראַגע פון רעאַליזירן דאָס ווערק, וועגן די געלט־מיטלען צו פאַרעפנטלעכן מיין ראַ־שעל־פאָרשונג האָט כסדר דאָמינירט מיין באַוווסטזיין און געבונדן מיינע הענט.

אויב כ׳בין אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן, ביים שטודירן די געשיכטע פון דעם אָרעמען ייִדישן מיידעלע וואָס איז פון אַ נעבעכדיקע גאַסן־זינגערן, דערגאַנגען צו ווערן די גרעסטע טראַגיקערן, וואָס די געשיכטע האָט געקאָנט; וואָס איז פון דער גרעסטער נויט, דערגאַנגען צו אַזוי פיל רייכטום און פון אַן אַנאַלפאַבעט, אויסגעוואַקסן צו אַזאַ גייסטרייכער פערזענלעכקייט, איז עס נישט אַזוי געווען דער רעזולטאַט פון דעם פענאָמענאַלן קינד, וואָס איז פאַר זיך גופא, געוואַלטיק אינטערעסאַנט, ווי דאָס ייִדישע פּראָבלעם ראַשעל, אין וועלכן עס איז געקומען צום אויסדרוק די גאַנצע טראַגיק פון אונדזער פאָלק און די מלחמה וואָס איז געפירט געוואָרן קעגן ראַשעלן, נאָר צוליב איר ייִדישקייט; אַ מלחמה וואָס איז אויסן געווען דער עיקר, צו טרעפן אין איר פאָלק.

שרייבנדיק די שורות, אין וועלכע כ'האָב אַרויסגע־פירט אַ גרויסן טייל ליגן און געפאַלנקייט פון אַזוי פיל, וואָס האָבן באַשמוצט ראַשעלן, צילנדיק דורך איר, צו טרעפן אין יעדן יידן, האָב איך געהאַט און האָב כסדר דאָס געפיל אַז מיין „ראַשעל" - עסעי, האָט אַ טיף־מענטש־לעכע און אַ וויכטיקע נאַציאָנאַל־יידישע באַרעכטיקונג.

***

לסוף, מוז איך אויסדרוקן אַ האַרציקן דאַנק די פריינד גרשון עפשטיין און יצחק פוגאַטש פאַר דער הילף וואָס כ'האָב ביי זיי אָנגעטראָפן און וואָס האָט אַ סך מיט־געווירקט אויף דעם וועג פון שרייבן די ראַשעל - עסעי.

דער מחבר.

ביבליאָגראַפיע

1) Autographes. Collection Ad. Crémieux. Paris 1885.

2) Louis Bartou : Rachel. Paris 1926.

3) Biographie anecdotique de Mlle Rachel. Bruxelles 1858.

4) C.A. de Chambrun : Rachel, ses succès, ses défauts. Paris 1853.

5) Mme Dussan : Rachel la tragédienne. « Historia » No 134.

6) Famille de Rachel : I et II. Bibl. Ars. Rt. 10215 et Rt. 10216.

7) A. de Faucigny-Lucinge : Rachel et son temps. Paris 1910.

8) Hector Fleichman : Rachel Intime. Paris.

9) Georges d'Heylli : Rachel d'après sa correspondance. Paris 1882.

10) Jacques Hillairet : Evocation du Vieux Paris. Paris 1952.

11) Arsène Haussaye : Les Confessions. Paris 1885.

12) Arsène Haussaye : La Comédienne. Paris 1884.

13) J. Janin : Rachel (« Reine du Monde »).

14) Robert Launay : La vraie Rachel (« Figures Juives). Paris 1921.

15) Lucas-Dubreton : Rachel. Paris 1936.

16) A.P. Mantel : Rachel. Paris 1858.

17) E. Masseras : Le dernier chapitre de la vie de Mlle Rachel. Paris 1876.

18) Charles Maurice : La vérité Rachel. Paris 1850.

19) Michaud : Rachel.

20) Eug. de Mirecourt : Rachel. Paris 1854.

21) Alf. de Musset : Un souper chez Rachel.

22) Rachel : Correspondance I et II. Bibl. Ars. Rt. 10112 et Rt. 10113.

23) Rachel : Documents divers. Bibl. Hist. de la Ville de Paris.

24) Vve Samson : Rachel et Samson. Paris 1898.

25) Léon Seché : Les amies d'Alf. de Musset.

26) Léon Seché : Rachel et Mme de Girardin.

27) Dr Tampier : Dernières heures de Rachel. Paris 1858.

28) Valentine Thomson : La vie sentimentale de Rachel. Paris 1910.

28) Védel : Notice sur Rachel. Paris 1859.

30) Dr L. Véron : Mémoires d'un Bourgeois de Paris. 1854.

●

קלישעס:

		זייט
.1	ראשעל אין יאָר 1844	11
.2	דאָס „טעאַטער מאָליער"	17
.3	דאָס טעאַטער „זשימנאַז"	19
.4	ראשעלס ערשטע ראָל	27
.5	ראשעל אין יאָר 1852	55
.6	„אַ מאָלצייט ביי ראשעלן"	79
.7	ראשעל אין יאָר 1851	89
.8	ראשעלס עס-צימער	115
.9	ראשעלס בריוו צו מ"ם קרעמיע	131
.10	ראשעלס וווינונג אויף פּלאַץ דע וואָזש	143
.11	דאָס קבר פון ראשעל	145

דערשינען פון זעלבן מחבר:

1 ווהין פירט אונדז י. ל. פרץ 1930
2 נאפאלעאנס בריוו צו מאריע־לואיזע 1934
3 אַלט פּאַריז 1936
4 אַ קול אין מדבר 1936
5 פרויען 1938
6 דער טויט פון ישו אין... פּוילן 1945
7 בריוו פון לעקטור (פיר יאָר נאַצי־
הערשאַפט אין פראַנקרייך) 1947
8 אַלט־פּאַריז (פאַרגרעסערטע אויסגאַבע)
1־טע און 2־טע טייל 1948
9 אַ גאַסט פון יענער וועלט 1955

« Le présent ouvrage est édité sous les auspices de la Commission du Plan d'Action Culturelle grâce aux fonds du département culturel de la Claims Conference ».

Imprimerie CADET, 11, rue Rochechouart, Paris-9e

158